ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# חרם דרבינו גרשם

אידיש

688

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

## דיא וואונדערליכע געשיכטע פון

# רבינו גרשם מאור הגולה

אדער

# חרם דרבינו גרשם

אויספיהרליכע בעשרייבונג די אורזאכע וועלכע האט רבינו גרשם בעוואוגען צו מאכען מיט די הסכמה פון די רבנים אין זיין צייט א חרם או א יוד מאר קיין צוויי ווייבער ניט נעמען; ווי אזוי רבי גרשם האט געטראכט א קינסטליכען טהראן אזוי ווי די גאלדענע שטוהל וואס שלמה המלך האט געהאט און דורך די פאלשקייט פון זיין צווייטע ווייב וועלכע רבנו גרשם האט גענומען איז ער אריינגעפאלען אין סכנת נפשות און מיט די הילף פון זיין ערשטע ווייב איז ער ניצול געווארען:

---

פערלאג און אייגענטהום פון בוכהאנדלונג
מ. קנאסטער, ווארשא, פראנציסקאנער 30.

פרייז 30 קאפ'

ווארשא
שנת תרע"א לפ"ק

ХЕРЕМЪ Д'РАБЕЙНУ ГЕРШОНЪ т. е. Заклятіе раввина Гершона.
Разсказъ, переводъ съ нѣмецкаго.

ВАРШАВА, 1911.

## די וואונדערליכע געשיכטע פון

# רבינו גרשם מאור הגולה

— אדער —

# חרם דרבינו גרשם

אויספיהרליכע בעשרייבונג די אורזאכע וועלכע האט רבינו גרשם בעוואוגען צו מאכען מיט די הסכמה פון די רבנים אין זיין צייט א חרם אז א יוד מאר קיין צוויי ווייבער נישט נעמען; ווי אזוי רבי גרשם האט געמאכט א קייזערליכען טהראן אזוי ווי דער גאלדענע שטוהל וואס שלמה המלך האט געהאט און דורך די פאלשקייט פון זיין צווייטע ווייב וועלכע רבי גרשם האט גענומען איז ער אריינגעפאלען אין סכנת נפשות און מיט די הילף פון זיין ערשטע ווייב איז ער ניצול געווארען.

פערלאג און אייגענטהום פון בוכהאנדלונג
מ. קנאסטער, ווארשא, פראנציסקאנער 30.

פרייז 30 קאפ׳

ווארשא

שנת תרע״א לפ״ק

ХЕРЕМЪ Д'РАБЕЙНУ ГЕРШОНЪ т. е. Заклятіе раввина Гершонъ.
Разсказъ, переводъ съ нѣмецкаго.

ВАРШАВА, 1911.

ערשטעס קאַפּיטעל.

# קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ווילסט דו, ליעבער לעזער, פערגניגען האָבען און זעהן די גרעסטע און די שעהנסטע שטאָדט פון דער וועלט, געה און זעה די שטאָדט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אלע וואונדער, וועלכע דו קענסט זעהן אין פעקינג, די הויפּטשטאָדט פון חינא, די גאַנצע מאַיעסטעט פון לאָנדאָן, די זעלטענע שעהנהייט פון פּאַריז, די גרויסקייט פון רוים, די עלטסטע שטאָדט פון דער וועלט מיט איהרע אלטע בנינים, און דער נאַטירליכער חן, וואָס ליעגט אויף נעאַפּאָל — דאָס אלעס וועלען פון דיר פערשווינדען, ווען דו וועסט זיי פערגלייכען מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווען דו וועסט זי זעהן צום ערשטען מאָל. און דאָך איז היינט נאָר א שוואַכער שאָטען געבליעבען פון דער אַמאָליגער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווען זי איז געוועזען די רעזידענץ פון דעם גרעסטען קייזער פון דער וועלט, ווען זי איז געוועזען דער מיטעל-פּונקט פון אלע אָריענטאַלישע מדינות און ווען זי האָט מיט איהר אייזערנער האַנד די גאַנצע וועלט בעהערשט. וועגען קאָנסטאַנטינאָפּאָל דערצעהלט אונז דער גרויסער אידישער רייזענדער רבי בנימין פון טאָלעדאָ (רבי בנימין בעל-המסעות), וואָס האָט זי מיט זיעבען הונדערט יאָהר צוריק בעזוכט, אין דער צייט ווען זי איז נאָך געשטאַנען אין איהר גאַנצער גרויסקייט און אין איהר רעכטען גלאַנץ, פאָלגענדעס: „זי איז די גרעסטע שטאָדט און די רעזידענץ פון גריכענלאַנד. זי זאַמעלט איין דעם גאַנצען צינז פון אלע אָריענטאַלישע מדינות, וואָס שטעהען אונטער דער רוימישער הערשאַפט. איהרע פּאַלאַצען און לוסט-שלעסער זענען פול מיט גאָלד און זילבער. מען זאָגט, אז דער צינז פון די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קראָמען און מערק אליין, טראָגט איין די רעגירונג ביז צוואַנציג טויזענד גולדען טעגליך, אויסער די אָבצאָהלונגען פון די פערשיעדענע סחורות, וואָס ווערען געבראַכט אין דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפען פון פּערזיען (פרס), פון מצרים, פון רוסלאַנד, פון אראַביען, פון שפּאַניען און פון איטאַליען".

צו יענער צייט, ווען קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע פון איהר גליק און גרויסקייט, האָט זיך דאָרטען געטראָפען דער פאַקט, וואָס איז פאַר אונז יודען אזוי וויכטיג און וועלכען מיר נעהמען זיך צו דערצעהלען פאַר אונזערע לעזער.

דער קייזער יאָהאַן ציִמיסציעס איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 976, און די מלוכה איז איבערגעגאַנגען צו די צוויי זיהן פון דעם קייזער ראָמאַן דער צווייטער, וואָס האָט רעגירט פאַר איהם. ביידע פּרינצען זענען אָבער זעהר פערשיעדען געוועזען אין זייערע כאַראַקטערע און אין זייערע בענעהמען. דער פּרינץ קאָנסטאַנטין האָט נאָר געזוכט פּוסטע פערגעניגענס און צו לעבען [illegible], און דער פּרינץ

באזיל, וואס איז געווען איין ערנסטער מענש, האט ארייננענומען די לייצעס פון דער רעגירונג אין זיין האנד. ער האט זיינע אונטערטהאנען זעהר גוט און פריינדליך בעהאנדעלט און האט דעם קייזערליכען פאלאץ פון אלע פערדארבענע בעאמטע און פון אלע פאלשע צבוע'קעס און שמייכלער אויסגערייניגט. צווישען צוויי פעלד-מארשאלען לעא בארדאנעס און לעא פאקאס וועלכע האבען אונטערגעהעצט דאס פאלק צו מאכען א רעוואלוציע געגען די צוויי קייזער-ברידער, האט באזיל דורך פערשידענע מיטלען אנגעמאכט א קריג און א שנאה אז דורך דעם האבען זיי שוין ניט אין זינען געהאט די רעוואלוציע; מיט קראפט און מאכט האט ער בעזיגט אויך די אויסערליכע פיינד פון זיין לאנד, די בולגארען וועלכע האבען דאן געפיהרט א מלחמה מיט די גריכען און דאדורך האט ער זיין טראהן אוועקגעשטעלט אויף א פעסטען פונדאמענט. זיין גאנצעס דענקען און טראכטען איז געווען נאר זיין לאנד און זיינע אונטערטהאנער גליקליך און צופריעדען צו מאכען, און דאס איז איהם ווירקליך אין העכסטען גראד געלונגען. גריכענלאנד האט אויפגעבליהט אין רייכטהום און גליק און קאנסטאנטינאפאל איז געווארען די קרוין פון אלע לענדער.

אבער קאנסטאנטינאפאל איז אונטער זיין רעגירונג ניט נאר דער נעסט פון רייכטהום געוועזען. זי איז אויך געווען דער מיטעלפונקט פון וויסענשאפט און בילדונג, צו דערזעלביגער צייט, ווען די מלכים פון אייראפא זענען נאך פערזונקען געוועזען אין דעם זומפ פון אבערגלויבען און פאנאטיזמוס און האבען זיך אבגעשוואכט דורך עביגע בלוטיגע מלחמות, וואס האבען זייערע לענדער שוואך און ארעם געמאכט — האט דער קייזער באזיל אין זיין רעגירונג די גרעסטע געלערנטע פון דער וועלט צוזאמען-גערופען און האט זיי די גרעסטע פריווילעגיאומס געגעבען כדי זיי זאלען קענען שאפען און ווירקען זיין לאנד בעסער און גליקליכער צו מאכען. אונטער די גרויסע צאהל געלעהרטע און דענקער פון קאנסטאנטינאפאל, איז צו יענער צייט בעקאנט געוועזען א יודישער געלעהרטער, רבי גרשם בן־יהודה, בעקאנט אונטער דעם צונאמען: „דער פראנצויז". ער איז געווען א גאלד ארבייטער, א קינסטלער אין זיין פאך. זיין פאבריק, אין וועלכע מען האט פערשידענע כלים פון גאלד און זילבער געמאכט, איז בעריהמט געוועזען אין דער גאנצער וועלט און זיינע ארטיקלען האבען געהאט א גרויסען אבגאנג אין די הייזער פון די גרעסטע אריסטאקראטען.

דיעזער געלעהרטער רבי גרשם איז געבוירען געווארען אין דער שטאדט מעטץ, וואס האט דאן בעלאנגט צו פראנקרייך. נאך אלס קינד, האט ער גרויס חשק געהאט צו לערנען תורה און די יודישע וויסענשאפטען, און האט זיין גאנצע טהעטיגקייט אנגעווענדעט צו לערנען און קענען די ספרי התלמוד (גמרא און פוסקים פון די ראשונים) וועלכעס האט דאמאלס פערנומען דעם הויפט-ארט ביי יודען, און מיט גרויס חשק האט ער נאכגעפארשט נאך די הויפט-קוועלען וואו מען קען דאס ערלערנען. דאן האט ער געהערט דעם נאמען פון די חכמי מיינץ וואס זענען בעריהמט געוועזען אלס גדולי התורה, און אלס ר' גרשם איז אביסעל עלטער געווארען איז ער אוועק פון זיין געבורטס-שטאדט מעטץ און איז געפאהרען נאך מיינץ.

אין יענער צײַט איז געװעזן רב אין מײַנץ דער גדול־הדור רבי קלונימוס װעלכער האָט מחבר געװעזן פֿיל פּיוטים און שאלות־ותשובות װאָס זענען בערימט אין דער יודיש־תּלמודישער װעלט. רבי קלונימוס צו הילף אין די רבנות איז געװעזן דער בעריהמטער חכם רבי אבון. אויך הרב רבי יהודא, א פֿאָטער פֿון הגאון הצדיק רבי אליעזר מגרמײַזא מחבר פֿון ספר רוקח הגדול און די רבנים װאָס זענען בעריהמט פֿון יענע צײַט בײַ יודען, רבי יקותיאל און רבי איתיאל זענען דאַמאָלס געװעזן אין מײַנץ.

אין דער צײַט װאָס רבי גרשם איז געקומען קײן מײַנץ לערנען, האָט רבי קלונימוס זיך אָבגעזאָגט פֿון די רבנות דאָרט און איז אװעק קײן פֿראַנקרײַך. אויפֿ'ן כּסא הרבנות איז דאַן אַרויף רבי ליאון װעלכער איז בעריהמט געװעזן אין יענע צײַט מיט זײַנע פֿיעל קענטניסע אין תּורה און תּלמוד װי אויך אין װעלטליכע װיסענשאַפֿטען, און בײַ דיזען הײליגען און געבילדעטען געלעהרטען איז רבי גרשם געזעסען און געלערנט פֿלײַסיג.

אין יענע צײַט איז דאָס תּלמוד־לערנען און זײַן ערפֿאָרשונג געװעזן אײנס פֿון די װיכטיגסטע זאַכען בײַ יודען געגען אַנדערע װיסענשאַפֿטען. דען אין די פֿריהעריגע צײַטען איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג דער סדר פֿון לערנען װי יעצט; די מפרשים אויפֿ'ן תּלמוד אין זײַנע ערקלערער װעלכע עפֿנען יעצט אונז די אויגען װי אַזוי צו פֿערשטעהן אין די גמרא זענען נאָך אין יענע צײַטען נישט געװעזען. רבינו יצחק אלפֿסי (דער רי״ף) האָט נאָך נישט געהאַט געשריבען זײַן ספֿר װעלכעס איז בײַ אונז הײַנט די אַ פֿעסטער מויער זיך אויף איהם צו פֿערלאָזען בײַ פּסק'נען אַ דין על פּי הלכה. רבינו נתן פֿון רוים האָט נאָך נישט געהאַט מחבר געװעזען זײַן בעריהמטען ספֿר „הערוך" װעלכער ערקלערט אונז די בעדײַטונג פֿון תּלמודי און מדרש־שפּראַך. רבינו שלמה יצחקי (רש״י הקדוש) האָט נאָך נישט געהאַט געמאַכט זײַן פּירוש װעלכעס בעלײַכט די יודישע װעלט. רבינו משה בן מײמון (דער רמב״ם) האָט נאָך נישט געהאַט פֿערפֿאַסט זײַן גרויסען און בעריהמטען ספֿר „היד החזקה" (בעװאוסט אין דער תּלמודישער װעלט אויף דעם נאָמען פֿון מחבר — רמב״ם). די פּירושים פֿון די בעלי התּוספֿות, די ספֿרים פֿון רבינו הרשב״א, פֿון רבינו אשר (הרא״ש) האָבען נאָך נישט געהאַט ערשינען פֿיר די װאָס קלערען אין די תּלמוד־פֿאָרשונגען; די גאונים פֿון די לעצטערע צײַטען דער מהרש״ל און מהרש״א האָבען נאָך נישט געהאַט פֿערפֿאַסט זײערע פּירושים אין װעלכע זײ ערקלערען שאַרף די פֿערשטעלטע ערטער אין דער גמרא; רבינו יוסף קרא און דער רמ״א האָבען נאָך נישט געהאַט פֿיר אונז אָנגעגרייט דעם שלחן־ערוך (אַ געגרייטער טיש) בײַ װעלכען מיר קענען זיך אװעקזעצען רוהיג און זיך פֿערלאָזען אויף זײער אַרבײַט אין די דינים װי מיר ברויכען זיך פֿיהרען לויט יודישען דת. די אַלע באורים, מפרשים און פּוסקים װאָס מיר האָבען אָנגעגריפֿען בײַ די גאָסען און װעלכע זענען פֿערפֿאַסט געװאָרען פֿון אונזערע גדולים וחכמים, האָבען נאָך אין יענער צײַט װאָס אונזער ערצעהלונג קומט פֿאָר נישט געקענט זײַן צו הילף פֿיר די װאָס האָבען געװאָלט אַרבײַטען אין תּלמוד דען — זײערע מחברים זענען נאָך נישט געװעזען געבוירען, און דאַריבער האָט יעדער װאָס האָט געװאָלט לערנען דעם תּלמוד קײן שום ספֿרים אַלס הילף נישט געהאַט, און אַזוי װי אַ שיף אָהן אַ זעגעל אין ים אַזוי האָט אײַנגעזעהן יעדער

וואָס האָט געוואָלט שווימען אין ים התלמוד אויב ער האָט זיך נישט פלייסיג געהאַלטען אָן זיין לעהרער און רבי וועלכער האָט איהם אַלעס מינדליך ערקלערט.

ווען רבי גרשם איז געזעסען אין מיינץ און געלערנט ביי זיין רבי׳ן און לעהרער האָט ער זיך בעטראַכט אַז עס איז נעטהיג אויפצושרייבען די באורים און ערקלערונגען צום תלמוד וועלכע ער האָט געהערט ביי זיין רבי׳ן, און דעריבער פלעגט ער אויפצייכנען אַלעס וואָס ער האָט געהערט — אויף די גליונות (זייטען-בלעטער מאַרגינעזען) פון די ספרים וואָס מען האָט געלערנט, כדי גרינגער צו מאַכען פיר די תלמידים וואָס וועלען זיין נאָך איהם און עס זאָל זיי זיין לייכט צו לערנען אָהן אַ רבי׳ן און לעהרער; דען אַבוואָהל עס איז געוועזען זעהר פיעל וואָס האָבען געוואָלט לערנען, איז אָבער געוועזען ווייניג לעהרערס. גרויסע מענשען וואָס זאָלען קענען געבען צו פערשטעהן גוט און ערקלערען דעם תלמוד וואָס דאָס איז געוועזען אין יענע צייטען בלויז דאָס איינציגע לערנען ביי יודען, אַזוי ווי מיר האָבען אויבען געשריבען אַז די אַלע מבארים און פוסקים וואָס מיר האָבען היינט פאַר זיך איז דאַן נאָך נישט געוועזען.

רבי גרשם האָט איינגעזעהן אַז מיינץ איז נאָך נישט דער אָרט וואו ער וועט קענען ערלערנען אין תלמוד אַזוי פיעל ווי ער דאַרף האָבען צו זיינע פעהיגקייטען, און אויב ער וויל קומען צו זיין ריכטיגען צוועק מוז ער אויסוואַנדערן נאָך בבל אין דער ישיבה פון פ ו ם ב ד י ת א צו לערנען ביי דעם דאָרטיגען ראש־ישיבה. דען בבל האָט נאָך בעשטימט פאַר אַ אָרט צו פערשפרייטען די תורה שבעל פה נאָך דעם חורבן פון ירושלים. די חכמים פון בבל האָבען געגרינדעט דעם תלמוד און האָבען איהם פערפעסטיגט אַז ער זאָל זיין פאַר אַ גרונד פון יודישקייט ביז עביג. ווען נבוכדנצר האָט פאַרברענט דעם בית המקדש און פערוויסטעט ירושלים האָט ער אויסגעפיהרט אין גלות די גרויסע פון די יודישע געלעהרטע (אין פסוק סוף ירמי׳ ווערען זיי דערמאָהנט אונטער דעם נאָמען „החרש והמסגר״ דאָס איז טייטש „דער מייסטער און דער שלאָסער״ מיינט מען די געלעהרטע וועלכע האָבען ערפונדען די שליסלען פון תורה שבכתב וועלכעס איז אָהן תורה שבעל פה אַזוי ווי אַ פערשלאָסענער שלאָס אָהן אַ שליסעל). דאָרט האָבען זיי פערזייעט די לעהרע פון דער תורה און זי האָט זיך דאָרטען פערפעסטיגט אַזוי שטאַרק אַז אפילו נאָך דעם ווען די יודען זענען צוריק קיין ירושלים אין כורש׳ס צייט און האָבען אויפגעבויט דעם צווייטען בית המקדש איז בבל געבליבען אַ אָרט פון תורה; אין דער צייט ווען עס איז פאַרגעקומען די קריגע ביי די חשמונאים און עס האָט געהאַלטען אַז די תורה זאָל פערגעסען ווערען ביי די יודען, דען זיי האָבען זיך פערנומען מיט וועלטליכע זאַכען און ווייניג עוסק געוועזען אין די תורה, דאַן איז געקומען „הלל״ פון בבל קיין ארץ ישראל, וואו ער איז נאָכהער געוואָרען דער נשיא ביי די יודען, האָט בענייעט די לעהרע און האָט איהר אַ נייעם גייסט אריינגעזעצט. ווען רבי יהודה הנשיא (רבינו הקדוש) האָט צוזאַמען-געשטעלט די דינים אונטערן נאָמען „משניות״ זענען נאָך דעם געקומען רבי חייא און זיינע זיהן פון בבל און דאָרטען ערגאַנצט די משנה מיט די צוגאַבען פון נאָך תנאים, אונטער דעם נאָמען תוספתות און ברייתות, און ווער שמועסט נאָך דעם חורבן פון בית שני, ווען די רומאים האָבען געדריקט די יודען פון אַלע זייטען, די גרונדען פון די הייליגע תורה זענען געוואָרען שוואַך אין ארץ ישראל, דאַן האָט זי אָנגעהויבען בליהען אין בבל און דאָרטען זענען געוועזען די הייליגע אמוראים ביז עס זענען

נעקומען רבינא און רב אשי און האבען צוזאמענגעשטעלט דעם גאנצען „תלמוד בבלי" וועלכער ענטהאלט אין זיך אלע משניות, תוספתות, ברייתות און נאך פיר־ערקלערונגען און דינים פון די אמוראים, און דאמיט האבען זיי געענדיגט די „הויפט־קוועלע" פון יודישע דינים און מנהגים. אין שפעטערע צייטען האבען אין בבל אנגעהויבען שיינען די גאונים און די ריש גלותא'ס. פון וועלכע די גרעסטע זענען געוועזען די ראשי ישיבות אין סורא און פומבדיתא, און זיי האט מען גערופען „די רבנים פון אלע יודען אין גלות" און „מאורי הגולה" (בעלייכטער דעם גלות). די ביידע ישיבות האבען זיך געהאלטען ביז עס איז געשטארבען רבינו האי, איינער פון די לעצטע גאונים, דאן איז בטל געווארען די ישיבה אין סורא און עס איז נאר געבליבען די ישיבה אין פומבדיתא וועלכע איז געשטאנען פעסט אונטער די לייטונג פון רב שרירא גאון, און צוליעב דיעזען ראש ישיבה האט זיך רבינו גרשם ענטשלאסען נאך בבל אויסצוואנדערן און דארטען נאך מעהר יודישע לעהרע צו ערווערבען. פאר זיין אויסוואנדערן נאך בבל האט ער חתונה געהאט מיט די שעהנע דבורה, די טאכטער פון דעם גאון רבי ליאון, דער רב פון מיינץ, ביי וועלכען ער האט עטליכע יאהר נאך אנאנד געלערנט.

עטליכע יאהר האט רבי גרשם אין פומבדיתא פערבראכט אויף זיינע תלמודישע סטודיען. אבער מיט דעם תלמוד אליין און מיט זיינע מפרשים האט ער זיך נישט בענוגענט. ער האט זיך אויך צו אנדערע וויסענשאפטען מיט גרויס פלייס גענומען און האט געלערנט פערשידענע שפראך. אין א קורצע צייט האט ער שוין במעט אלע נאטור־וויסענשאפטען אויסגעלערנט, אבער זיין גרעסטע לוסט איז געוועזען די מעטאלורגיע (די וויסענשאפט פון פערשידענע מעטאלען, ווי גאלד, זילבער, קופער, אייזען, א. ז. וו. צו בעארבייטען). ער האט זיך דיעזע וויסענשאפט נור דארום אויסגעוועהלט, ווייל ער האט זי געוואלט מאכען צו דער הויפט־קוועלע פון זיין פרנסה, ער זאל האבען גענוג צו לעבען אין דער צייט, ווען ער איז בעשעפטיגט געוועזען מיט דעם שרייבען זיין ביאור אויף דעם תלמוד.

רבי גרשם האט פלייסיג געארבייט אין לערנען ווי אויך אין די גאלד־שמידעריי־קונסט. פלוצלונג האט ער בעקומען די טרויעריגע ידיעה אז זיין פאטער איז געשטארבען. גלייך האט זיך רבי גרשם בעאיילט צו פאהרען אין זיין געבורטס־שטאדט אום צו וויינען אויף זיין פאטער'ס קבר און אבצונעהמען די ירושה. קומענדיג קיין קאנסטאנטינאפאל, וואו זיין וועג האט איהם דורך־געפיהרט, האט ער געמוזט ווארטען א צייט, ביז ער האט בעקומען א שיף וועלכע געהט קיין פראנקרייך. אין דער צייט האט ער זיך איבערצייגט אין די גוטסקייט און שעהנקייט, האנדעל און רייכקייט פון דער רעזידענץ־שטאדט, און האט בעשלאסען דארט זיך אז בעזעצען און וואהנען. ער האט בעטראכט אז דארטען וועט ער קענען פיהרען זיין מלאכה און ערווערבען זיך א נאמען; דארטען וועט ער געפינען בעוואוסטע געלעהרטע, אזוי חכמי התורה און אזוי אין וויסענשאפטען, מיט וועלכע ער וועט זיך בעפריינדען און וועט ביי זיי קענען ערווערבען נאך קענטניסע צו וועלכע ער האט זעהר געגלוסט. רבי גרשם איז געקומען קיין מעטץ, פער־קויפט די אונבעוועגליכע גיטער וועלכע ער האט בעקומען אין ירושה און דאן איז ער געפאהרען קיין מיינץ וואו עס האבען איהם זעהנזיכטיג ערווארטעט רבי ליאון מיט זיין טאכטער, רבי

גרשם'ס ווײַב, דבורה. מיט שרעק האָט רבי ליאון אויסגעהערט דעם פֿערלאַנג פֿון זײַן איידעם רבי גרשם דאָס ער וויל אַוועק וואוינען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דען עס האָט איהם באַנג געטהון אַוועקצולאָזען זײַן ליעבע טאָכטער און איידעם אַזוי ווײַט פֿון זיך, נאָר רבי גרשם האָט זיך אײַנגעעקשנט און האָט זיך פֿעסט געהאַלטען בײַ דאָס זײַניגע, אויך זײַן ווײַב דבורה האָט מסכים געווען צו איהר מאַנ'ס פֿערלאַנג, אַזוי האָט רבי ליאון געמוזט אויך געבען זײַן הסכמה. דאַן האָבען זיך רבי גרשם מיט זײַן ווײַב דבורה געזעגענט מיט זײער שווער און פֿאָטער רבי ליאון וועלכער איז געוועזען זעהר בעטריבט, אײַנער דעם אַנדערן האָט צוגעוואונשען, בײַדע האָבען געוויינט און רבי גרשם מיט זײַן ווײַב זענען געפֿאָהרען קײַן קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אויך אין די איצטיגע צײַטען איז רײַזען פֿון די שווערע זאַכען און אַזאַ ווײַטע שטרעקע ווי פֿון מײַנץ קײַן קאָנסטאַנטינאָפּאָל מאַכט שוואַך דעם רײַזענדען וואָס פֿאָהרט, קען מען זיך פֿאָרשטעלען וואָס פֿאַר אַ צרות עס איז פֿאָרגעקומען אין יענע צײַטען די רײַזענדער. קײַן אײַזען-באַהנען זענען נאָך נישט געוועזען, פֿון קײַן דאַמפֿ-שיפֿען האָט מען נאָך נישט געהערט, אויך די שאָסעען זענען נישט געוועזען געברוקירט מיט שטײנער ווי הײַנט און דער רײַזענדער האָט געמוזט דאַן דורכפֿאָהרען מדינות וואו עס האָבען געוואוינט אונקולטיווירטע ווילדע מענשען, וועלכע אז זײ האָבען דערזעהן אַ פֿרעמדען זענען זײ איהם בעפֿאַלען ווי די ווילדע חיות. פֿיעל מאָל אז דער רײַזענדער האָט געמוזט פֿאָהרען דורך גרויסע און שרעקליכע וועלדער און אז ער איז געקומען צו אַ טײַך וועלכער האָט איהם פֿערשטעלט דעם וועג ווײַטער צו פֿאָהרען האָט ער נישט געפֿונען קײַן שיפֿעל ער זאָל קענען אריבער דעם טײַך; גנבים און רויבער-באַנדען פֿלעגען לויערן אויף די וועגען צוצונעמען בײַ די רײַזענדע זײער האָב און גוטס וואָס זײ האָבען בײַ זיך געהאַט, און פֿיעל מאָל פֿלעגען זײ טויטען די וואָס האָבען זיך געשטעלט זײ אַקעגען, און נאָך פֿיעל צרות זענען דעמאָלס געוועזען אויף די וועגען וועלכע האָבען גוט אײַנגעמאַטערט די רײַזענדע.

נאָך דעם ווי רבי גרשם מיט זײַן ווײַב האָבען זיך גענוג געהאַט אָנגעליטען אויפֿן וועג זענען זײ געקומען קײַן קאָנסטאַנטינאָפּאָל וואו זײ האָבען זיך בעזעצט און וואו רבי גרשם האָט אויפֿגעעפֿענט זײַן פֿאַבריק פֿון גאָלד- און זילבערוואַרג. דאָ האָט רבי גרשם אָנגעהויבען צו אַרבײַטען קונסט-זאַכען, זילבערנע בעכערס מיט שעהנע אויסגראַווירטע עמאַליען און פֿערציערונגען, גאָלדענע רינגען מיט קייטען מײַסטערווערק שעהן אויסגעאַרבײַט און אַזוי האָט רבי גרשם בײַ טאָג געאַרבײַט זײַן מלאכה און בײַ נאַכט געזעסען און פֿלײַסיג געלערנט כדי זיך צו פֿערפֿאָלקאָמענען אין די יודישע לעהרע.

באַלד איז ער אין דער גאַנצער שטאָדט צווישען יודען און קריסטען בעריהמט געוואָרען אונטערן נאָמען „דער פֿראַנצויז". זײַן געשעפֿט האָט מיט יעדען טאָג אַלץ לײַכטער אויפֿגעבליהט און זײַנע קונדען זענען געוואָרען די גרעסטע אַריסטאָקראַטען פֿון דער רעזידענץ און פֿון דער מדינה. אפילו די מיטגליעדער פֿון קײזערליכען הויף האָבען בײַ איהם געקויפֿט גאָלדענע און זילבערנע קונסטזאַכען.

פון טאָג צו טאָג איז ער רײַכער און בערימטער געוואָרען. דער „פּראָנציון", רבי גרשם, איז געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע פּערזאָנען אין דער רעזידענץ, געשעצט און געליעבט פון אַלע קלאַסען הן בײַ יודען און הן בײַ קריסטען.

און דאָך איז זײַן גליקס-בעכער מיט אַ ביטערן טראָפּען פערגאַלט געוועזען. עס זענען שוין עטליכע יאָהר נאָך זײַן חתונה פערגאַנגען, און ער האָט נאָך קיין איינציגעס קינד געהאַט. דער געדאַנקען אָהן קינדער זייער לעבען צו פערברענגען, האָט איהם און זײַן ווײַב געמאַטערט ווי אַ גיפטיגער וואָרעם און האָט אַלע זייערע לעבענס-פרייד פערדונקעלט.

---

צווייטעס קאַפּיטעל.

# מעליטאַ.

דבורה האָט אָנגעהויבען צו טערקען און צו פּיהלען, אַז איהר מאַן רבי גרשם ווערט פון טאָג צו טאָג טרויעריגער און נידערגעשלאָגענער, און דאָס האָט איהר נאָך מעהר איהר לעבען פערביטערט, דען זי האָט געוואוסט די אורזאַכע פון זײַן טרויער און האָט איהם נישט געקענט טרייסטען. עס זענען שוין פערגאַנגען צעהן יאָהר פון דעם טאָג אָן, אין וועלכען זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט, און גאָט האָט זיי נאָך נישט געבענטשט מיט אַ קינד.

— פאַר וועמען אַרבייטען מיר, פאַר וועמען האָרעווען מיר? — פלעגט ער זעהר אָפט זאָגען, און עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט אַזוי ווי ער מאַכט איהר מיט דעם אַ פאָרוואורף, אַזוי ווי ער וואָלט איהר אין דעם בעשולדיגען.

גאַנץ אָפט פלעגט ער זאָגען:

— גאָט האָט מיר געגעבען עשירות, אַ פיינעם נאָמען, הן בײַ יודען און הן בײַ קריסטען. איך בין חשוב און געאַכט אין דעם קייזערליכען הויף, אָבער ווער וועט דאָס אַלעס ירש'נען? מיט מײַן טויט וועט דאָס אַלעס אָבשטאַרבען, עס וועט פון מיר קיין זכר נישט בלייבען!

דאָס אַלעס האָט איהר ווי מיט אַ שאַרפען מעסער געשניטען אין האַרצען. זי האָט זיך פאַר זיך אַליין געשעמט, אַזוי ווי זי וואָלט אַ שווערע פערברעכערין געוועזען...

איינמאָל, אין אַ געוויסען אָבענד, נאָך דעם ווי רבי גרשם האָט זײַן מאַגאַזין פערשלאָסען און האָט אָבגעדאַווענט מעריב אין שול, איז ער געקומען אַהיים און האָט זיך געזעצט לערנען אין זײַן בעזונדערען חדר. ער פלעגט דאָס שטענדיג טהון, ווען די טרויעריגע געדאַנקען פלעגען איהם שטאַרק דריקען, ווײַל זײַנע ספרים פלעגען איהם אויף אַ געוויסע צייט צערשטרייען אונד מאַכען פערגעסען דעם ברענענדען שמערץ, וואָס האָט אין זײַן ברוסט ווי אַ העלישער פײַער געברענט.

הײַנט אָבער האָבען איהם די טרויעריגע געדאַנקען מיט דאָפּעלטער קראַפט אַרומגענומען און האָבען איהם נישט צוגעלאָזען זיך צו פערטיעפען אין דעם ספר, װאָס איז פאַר איהם אויף דעם טיש אָפען געלעגען. ער האָט צוגעמאַכט דעם ספר און האַסטיג אויפשטעהענדיג פון זײַן שטוהל, האָט ער אויסגערופען:

— גאָט מײַן גאָט! ווי גרויס איז מײַן פּײַן אונד ווי טיעף זענען מײַנע שמערצען... דו האָסט מיר דײַנע רײַכסטע אוצרות געעפענט, אין מײַנע געשעפטען האָסט די דײַן ברכה אַרײַנגעשיקט. דו האָסט מײַן הויז אָנגעפילט מיט גאָלד אונד מיט זילבער. אַלעס וואָס עס קען אַ מענשען גליקליך מאַכען אונטער דײַן הימעל, האָסט דו מיר געגעבען. וואָס נאָך פעהלט מיר אונד וואָס נאָך קען איך פון דיר פערלאַנגען?... אָבער צו וואָס טויגען מיר אַלע דיעזע ערדען-גיטער, ווען דו האָסט מיר קײן קינד געגעבען, וואָס זאָל מיר טרייסטען אין מײַן טרויער אונד וואָס זאָל נאָך מײַן טויט ירש'נען מײַן נאָמען?... אַלײן בין איך, גאַנץ אַלײן!... אַלע מענשען, וואָס לעבען אויף דער וועלט, זענען ווי רינגען פון אַ לאַנגע קייט, איינער איז פערבונדען מיט דעם אַנדערן, איינער איז אַבהענגיג פון דעם צווייטען, איך אָבער בין אַ בעזונדערער רינג פאַר זיך אַלײן אונד מיט די אַנדערע קען איך מיך נישט פעראייניגען... מוז איך דען בלײַבען ווי אַ טרוקענער שטרוי, אָדער ווי אַן אָבגעשטאָרבענער בוים, וואָס קען שוין מעהר קײן פרוכט פון זיך נישט געבען? לעבט דען אין מיר נישט דער גײַסט פון מײַנע הייליגע עלטערן, וואָרום זאָל מײַן גײַסט נישט איבערגעהן אין מײַנעם אַ קינד, אין וועלכען איך זאָל נאָך אַ מאָל ווידער געבוירען ווערען?... וואָרום שטראָפסט דו מיך אַזוי האַרט. דו גוטער גאָט? היט איך דען נישט דײַנע הייליגע געזעצע אונד דינים? בין איך דען אין אמת'ן נישט ווערטה דײַן בעסטע ברכה צו בעקומען, יענע ברכה, מיט וועלכער דו בענטשסט אפילו חיות און בהמות?

אַ שטראָם הייסע טרעהרען האָט זיך אַרויסגעגאָסען פון זײַנע אויגען. ער האָט זיך ווידער געזעצט אויף זײַן פריהערדיגען פּלאַטץ אונד איז ווידער פערזונקען געוואָרען אין זײַנע טרויעריגע מחשבות.

ער האָט געגלויבט, אַז קײנער האָט זײַנע ווערטער נישט געהערט, אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט. אין דער לעצטער צײַט האָט זײַן ווײַב דבורה זיך גוט צוגעהערט צו יעדען וואָרט, וואָס ער פלעגט אַרויסברענגען פון זײַן מויל. איך יעצט האָט זי זײַן טרויעריגען מאָנאָלאָג וואָרט פאַר וואָרט געהערט, אונד דאָס האָט איהר אויפגעמונטערט זיך ענדליך צו ענטשליסען צו דעם פערבאָרגענעם פּלאַן, וועלכען זי האָט שוין אַ לאַנגע צײַט אין זיך אַרומגעטראָגען.

האַסטיג האָט זי אויפגעעפענט די טהיר פון זײַן לערנצימער, איז צו איהם צוגעגאַנגען אונד האָט צו איהם געזאָגט:

— מײַן געליעבטער מאַן! עס איז מיר אַ גרויסער ווייטאָג אין האַרצען צו זעהן ווי דו געהסט אַרום אײַנגעבויגען אונטער דער לאַסט פון דײַן טרויער, אונד דאָפּעלט וועה איז מיר ווײַסענדיג, אַז איך, נאָר איך אַלײן בין די אורזאַכע פון דײַן שמערץ, ווײַל גאָט האָט מיך געשטראָפט מײַן גאַנצעס לעבען לאַנג אײן עקרה צו בלײַבען. אָבער לאָמיר דאָך נישט פערצווייפלען, מײַן געליעבטער מאַן! לאָמיר זוכען מיטלען ווי זיך צו העלפען. מיר קענען טהון דאָס זעלביגע, וואָס אונזערע הייליגע

אבות אונד אמהות האָבען פערצייטען געטהון... איך וועל דיר אריינברענגען אין דיין הויז אַ צווייטע פרוי, מיט וועלכער דו קענסט חתונה האָבען כדת משה וישראל *). עס קען זיין, אַז דיעזע צווייטע פרוי וועט פון דיר קינדער האָבען, וואָס וועלען דיין נאָמען ירש'נען. אונד אויך איך וועל דורך דעם געהאָלפען ווערען ווי אונזערע אמהות פערצייטען.

— דו הייסט עס מיר טהון, מיין געליעבטע דבורה? — האָט ער מיט גרויס פערוואונדערונג אויסגערופען — אָה, איך ווייס וואָס פאר אַ הייליגע נשמה עס זיצט אין דיין קערפער! איך ווייס, אַז אין דיינע אָדערן פליסט דאָס הייליגע בלוט פון אונזערע אמהות, אָבער זאָל מיך גאָט בעהיטען אונד בעשירמען דאָס צו טהון!... אזא קרבן וויל איך פון דיר נישט אָננעהמען. ניין, איך וויל עס נישט פון דיינעטוועגען!... ווייסט דו דען נישט וואָס הגר די דיענסט האָט געטהון שרה'ן גאָבערע ווי זי איז געוואָרען אברהם אבינו'ס ווייב?

— האָב קיין מורא נישט, מיין געטרייער מאַן! — האָט זי איהם געענטפערט — אויב איך וויל דיר דעם קרבן מקריב זיין, ווייל איך, ער זאָל אַ גאַנצער קרבן זיין; אַ קרבן וואָס זאָל אונז בייַדען צופריעדען שטעלען. איך וועל אויף דיין צווייטער פרוי נישט אייפערזיכטיג זיין אונד איך וועל איהר אויך נישט מקנא זיין, ווען איך וועל זעהן, אַז דו ליעבסט זי. דען מיין איינציגער וואונש איז נאָר דיך גליקליך אונד צופריעדען צו זעהן. איך וועל דיר בלייבען די זעלביגע, וואָס איך בין דיר ביז יעצט געוועזען. מיין ליעבע צו דיר וועט חלילה נישט געמינדערט ווערען אויף אַ האָר. מיין איינציגער וואונש איז נאָר דער, אַז דיין צווייטע פרוי זאָל ווערטה זיין דיין ליעבע אונד דיין פריינדשאַפט אונד דאָס זי זאָל דיר דיין לעבען פערזיסען, אַז דו זאָלסט שוין מעהר נישט וויסען פון קיין צער אונד פון קיין קומער!

— דו רעדסט, מיין טהייערע, ווי אַ צדיקת דאַרף רעדען — האָט ער זיך אָבגערופען — ווי גערן וואָלט איך געוועזען, ווען גאָט וואָלט דיר געהאָלפען מיט אַ קינד, כדי אַ פרעמדע זאָל זיך צווישען אונזערע הערצער נישט אַוועקשטעלען. נאָר מיט דיין קינד וואָלט איך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט געוועזען... אָבער ניין! איך וויל דיין קרבן נישט אָננעהמען!.. לאָמיר נאָך וואַרטען אונד לאָמיר נאָך גאָט בעטען, פיעלייכט וועט ער אויף אונז רחמנות האָבען.

עס האָבען אָבער נישט געהאָלפען קיינע תפלות אונד קיינע הייסע טרעהרען וואָס זענען פון בייַדען אין דער שטיל פערגאָסען געוואָרען. נאָך אַ יאָהר צייט איז פערגאַנגען. אַ יאָהר, וואָס האָט אונזער רבי גרשם נאָך מעהר רייכטהום אונד גאָך מעהר גדולה איינגעבראַכט, אָבער די ברכה פון קינדער האָט זיי נאָך אַלץ געפעהלט.

צו יענער צייט האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געלעבט אַ סוחר מיט דעם נאָמען מנחם. דער מאַן איז געוועזען אַ פרומער אונד איין עהרליכער איד, האָט גוט געקענט לערנען אונד איז געשטאַנען אין געשעפטליכער פערבינדונג מיט רבי גרשם. ער

*) אונזערע לעזער דאַרפען נישט פערגעסען, אַז ביז דער צייט פון רבינו גרשם האָט מען ביי אונז אידען על פי דין געמעגט נעמען עטליכע ווייבער.

פלעגט ביי רבי גרשם קויפען פערשידענע כלים פון גאלד און זילבער אונד פלעגט זיי מיט א גוטען פראפיט ווידער פערקויפען.

זיין ווייב איז נאך זעהר א יונגע געשטארבען אונד האט איהם איבערגעלאזען איין איינציגע טאכטער מיט דעם נאמען מ ע ל י ט ט א, וואס האט אין איהר שעהנהייט איהר גלייכען נישט געפונען אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל. זי איז געוועזען די איינציגע פרייד אונד דער איינציגער טרייסט פון איהר פאטער, וועלכער האט זי געליעבט מעהר פון זיין לעבען אונד וועלכער האט זי פערצערטעלט אין דער בליהענדער פאטער-ליעבע אין דעם העכסטען גראד. א ריכטיגע פיינע ערציעהונג האט ער איהר נישט געקענט געבען, וויל ער האט דערצו קיין צייט געהאט, דארום האט ער איהר אין אלעם נאכגעגעבען וואס זי האט נאר פערלאנגט אונד וואס איהר הארץ האט געגלוסט. די שעהנע מעליטטא האט נאר איין זאך געוואוסט: אז זי איז א זעלטענע שעהנהייט אונד איז אויף איהר שעהנהייט זעהר שטאלץ געוועזען, ווי אלע שעהנע פרויען, וואס האבען קיין גוטע ערציהונג גענאסען. איהר איינציגער געדאנקען אונד איהר איינציגער ציעל אין לעבען איז געוועזען איהר שעהנהייט נאך מעהר צו ענטוויקלען, אום ביי לייטען נאך מעהר צו געפעלען, אתר צו דיזען צוועק האט זי זיך שטענדיג געפוצט אונד האט די טהייערסטע קליידער געטראגען.

איינמאל, ווען די שעהנע מעליטטא איז געזעסען ביי דעם אפענעם פענסטער פון איהר פאטער'ס הויז איז איינער פון די קייזערליכע גארדיסטען פערביי געריטען אויף א טהייערן אראבישען פערד. דער יונגער גארדיסט איז בעקאנט געוועזען אונטער דעם נאמען מיכאיל פון פאפלאגאניען אונד איז געוועזען א נעפע פון יאהאן, וואס איז דאמאלס דעם קייזער באזיל'ס ערשטער מיניסטער אונד ראטהגעבער געוועזען.

זיין בליק איז געבאלען אויף דער שעהנער מעליטטא אונד העכסט איבערראשט פון איהר שטראהלענדע שעהנהייט האט ער זיין פערד איינגעהאלטען.

— דו שעהנע געטטין! — האט ער ווי בעגייסטערט אויסגערופען — אויב דו ביסט א הימלישעס וועזען אונד גאט האט דיך ארונטערגעשיקט, אום זי צו פערשעהנערן, דאן בלייב נאך א ווייל זיטצען, בדי מיין אויג זאל מיט דיין שעהנהייט זאט ווערען... ביזט דו אבער א מענשליכעס וועזען פון בלוט און פלייש, בעשווער איך דיך ביי אלעם וואס הייליג איז, מיר דיין נאמען אונד דעם נאמען פון דיין פאטער צו זאגען, כדי איך זאל איהם קענען בעטען, ער זאל דיך מיר געבען פאר א ווייב!

אזעלכע ווערטער האט מעליטטא נאך קיינמאל נישט געהערט. זי האט זיך פון זיי שטארק דערשראקען אונד איז אנטלאפען געווארען אין גארטען, וואס איז געלעגען הינטערן הויז.

דער גארדיסט מיכאיל איז אבער געוועזען א „העלד" מיט לייב אונד לעבען אונד האט זעהר גוט פערשטאנען די „קונסט" צו נעהמען „פעסטונגען", וואס זענען געבויט פון פלייש, בלוט, בערוועז אונד פון א שוואכע מיידעלשע הארץ. ער איז האסטיג פון פערד אראבגעשפרונגען, האט אריבערגעקלעטערט דעם מויער, וואס האט דעם גארטען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, אונד איז מיט דער זיגרייכעט

אָדער בעסער צו זאָגן, מיט דער פרעכהייט פון א מיליטאַריסט צו מ ע ל י ט ט א ן צוגעגאַנגען.

ער האָט איהר אָנגענומען פאַר'ן האַנד, אונד חאָטש זי האָט זיך פערשעמט אונד איז רויט געוואָרען האָט זי זיך דאָך נישט געוועהרט, ווייל דער שעהנער אונד יונגער קייזערליכער אָפּפיציר האָט אויף איהר א גרויסען איינדרוק געמאַכט.

— ווי הייסט דו, דו הימלישע געטטין? — האָט ער איהר געפרעגט.

— מעליטטאַ — האָט זי איהם ציטערנדיג געענטפערט.

— אונד ווער איז דיין פאָטער?

— מנחם דער גאָלדהענדלער.

— מנחם?... א איד?... דאָס טהוט מיר זעהר לייד!... אָבער דאָס וועט מיך נישט אָבהאַלטען דיך צו ערווערבען... איך וועל דיך צונעמען פון דיין פאָטערס הויז און וועל דיך אַריינזעצען אין א גאָלדענעם פּאַלאַסט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזא שעהנהייט ווי דו ביזט... איך בין מיחאיל פון פּאַפּלאַגאָניען, לייטענאַנט אין דער קייזערליכער גאַרדע אונד מיין פאָטער איז דער העכסטער מיניסטער יאָהאַן, וועלכער איז די צווייטע האַנד פון קייזער. היינט נאָך וועל איך מיט איהם רעדען דיר רעדען אונד וועל איהם ערקלערען, אז גאָר מיט דיר וויל איך חתונה האָבען. מיין פאָטער ליעבט מיך אונד וועט מיר מיין פערלאַנג נישט אָבשלאָגען... געטטליך! וועסט דו מוזען דיין גלויבען איבערבייטען!

מעליטטאַם האַרץ האָט געציטערט פון טויזענד געפיהלען, הערענדיג אַזא פייערדיגע ליעבעס-ערקלערונג פון אַזא שעהנעם אונד הויכגעשטעלטען יונגען מאַן אונד זיין פאָרשלאַג מיט איהר חתונה צו האָבען. איהר שמאָלץ האָט אין איהריגער א מאָל אויפגעוואַכט. אונד איהרע געדאַנקען האָבען איהר פאָרגעשפּיגעלט די גליקליכע צוקונפט, וואָס שטעהט איהר פאָר, ווען זי וועט ווערען די פרוי פון אַזא הויכען אַריסטאָקראַט.

— אח, מיין גאָט! — האָט זי בײַ זיך געטראַכט, — ווער וועט נאָך אַזוי גליקליך זיין ווי איך.. איך די פרוי פון אַזא גרויסען בעאַמטען!... דער קייזערליכער פּאַלאַסט וועט פאַר מיר שטעהן אָפען ווי מיין פאָטער'ס הויז... צו יעדען פעסט און צו יעדען האָפּבאַל וועט מען מיך איינלאַדען... איך וועל טאַנצען מיט די גרעסטע שררות... און אָנגעטהון וועל איך זיין אין גאָלד זאַן אין זייד ווי א פּרינצעסין...

דאָס אַלעס איז איהר געגאַנגען דורך איהר קאָפּ. זי האָט שוין מעהר נישט געטראַכט און האָט דעם יונגען גאַרדיסט מיט ליעבע אויף ליעבע געענטפערט.

א לאַנגע צייט האָבען זיי אין גאָרטען פערבראַכט, ביז איהר דינסטמיידעל איז געקומען איהר צו רופען. דאַן האָט זי פון איהם אָבשיעד גענומען און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער מיניסטער יאָהאַן האָט זיך אָבער וועגען זיין נעפע מיחאיל מיט גאַנץ אַנדערע פּלאַנען אַרומגעטראָגען. דער קייזער באַזיל האָט נישט חתונה געהאַט און פאַר זיינע פערטרויטע האָט ער פיעל מאָל געזאָגט דאָס ער רעכענט קיינמאָל נישט חתונה האָבען. זיין ברודער, דער קייזער קאָנסטאַנטין דער אַכטער, האָט נישט נעהאָט קיין

זײַן נאָר צװײ טעכטער, די עלטערע טאָכטער צאָע װעלכע איז בעשטימט געװעזען אלס קרױן-פּרינצעסין און איז שױן געװען פערלאָבט און די צװײטע טעאָדאָראַ. דער מיניסטער יאָהאַן האָט בערופען זײַן נעפע מיכאַיל קײן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, װײַל ער האָט געװאוסט דאָס צאָע איז לײַכטזיניג און עס איז זעהר מעגליך דאָס זי זאָל זיך פערליעבען אין מיכאַיל'ן װעלכער איז געװעזען א שעהנער מאַנספערזאָן, און אויב דאָס װעט זײַן קען זײַן א האָפנונג דאָס מיכאַיל זאָל אמאָל װערען קײזער אין גריכענלאַנד און דאַן װעט ער — יאָהאַן — זײַן דער גאַנצער הערשער, דען מיכאַיל װעט איהם אין אלעם געהאָרכזאם זײַן. דאָס װאָס צאָע איז דאַן געװעזען פערלאָבט און אז ביז די צײַט װאָס זי װעט זײַן קײזערין װעט זי שױן האָבען אויך חתונה געהאַט. האָט יאָהאַן'ען װעניג געאַרט, דען ער האָט געװאוסט פון דער געשיכטע אז עס איז נישט קײן זעלטענהײַט בײַ די ביצאַנטישע הערשער, פון װעלכע גריכענלענדישע מלכים האָבען געשטאַמט, דאָס װען דער קײזער האָט געװאָלט חתונה האָבען מיט א אנדער פרױ, אָדער װען די קײזערין (אויב די מלוכה איז דאַן איבערגעגאַנגען דורך ירושה אויף א פרױ) האָט געװאָרפען א אויג אויף א אנדער מאַן, דאַן פלעגט דער קײזער זײַן װײַב, אָדער די קײזערין איהר מאַן, אײַנשליסען אין א קלױסטער פון װעלכען זײ זענען שױן לעבעדיג נישט ארױס; און פיעל פלעגען דאָרטען ערמאָרדעט װערען — אויף בעפעהל — נאָר כדי דער קײזער אָדער די קײזערין זאָל קענען זײער תאוה נאָכקומען. און דאַרום האָט דער מיניסטער יאָהאַן מיכאַיל'ס רײד גאָר נישט געװאָלט הערען, װען ער איז צו איהם געקומען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם געבען די ערלױבניס חתונה צו האָבען מיט מנחם דעם גאָלדהענדלער'ס טאָכטער.

— ביזט דו משוגע, דו נאַרישער יונג — האָט ער אויפפלאַקערנדיג אין א װילדען כעס אויסגעשריען, — האָב איך דיך נאָר צוליעב דעם אראָבגעבראַכט פון פּאַפלאַגאָניען און גרױס געמאַכט, אז דו זאָלסט מיר פערשװאַרצען די אויגען?.. דו װילסט חתונה האָבען מיט א אידישע מײדעל און-דערמיט װאַרפען א שװאַרצען פלעק אויף אונזער פאַמיליע?... אָבער איך זאָג דיר אײן מאָל פאַר אלע מאָל: װען דו װעסט װאַגען נאָך אמאָל דאָס הױז פון יענעם אידען צו בעזוכען, איז א סוף פון דיר... איך װעל דיר ארױסטרײַבען פון מײַן הױז און דו װעסט װידער װערען יענער נאַרישט, װאָס דו ביסט פריהער געװעזען... אָבער גלױב נישט אז דו קענסט מיך נאַרען. איך האָב טױזענד שפּיאָנען, װאָס װעלען דײַן יעדען טריט נאָכקוקען, און קױם װעל איך מיך דערװיסען, אז דו בעזוכסט דײַן אידישע מײדעל, װעט דיר זײַן װעה און װינד.

מיכאַיל האָט שװײַגענדיג-צוגענומען דיעזען אויסגוס פון צאָרן און בעלײדיגונגען פון זײַן פעטער. ער האָט גאָרנישט געהאַט װאָס צו ענטפערן, װײַל ער האָט געקענט דעם אײַזערנעם װילען פון זײַן פעטער, װעלכען קײן מאַכט אין דער װעלט איז נישט אים שטאַנד צו ברעכען.

דער מיניסטער אָבער האָט באַלד אומגעענדערט זײַן טאָן און האָט אָנגעהױבען מיט איהם פרײַנדליך צו רעדען. ער האָט איהם אין די שענסטע פאַרבען אויסגעמאָלט זײַן גליקליכע צוקונפט, װען ער װעט חתונה האָבען מיט דער קײזערין צאָע, און דאָס

דאָס איז איהם געווידקט. ער האָט זיין מוטער צוגעשוואָרען, אַז ער וועט שוין דאָס אידישע מיידעל מעהר נישט בעזוכען.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט מעליטטא דעם צווייטען בעזוך פון איהר געליעבטען ערוואַרטעט. עס זענען אָבער טעג און וואָכען פערגאַנגען און ער איז נישט געקומען, דאַן האָט זי שוין פערשטאַנען, אַז דאָס איז בלויז געוועזען אַ קורצער און זיסער חלום, און האָט אויפגעהערט צו האָפען. אין אַ קורצע צייט האָט זי איהם שוין אין גאַנצען פערגעסען...

צו דער זעלביגער צייט האָט זיך די פרומע דבורה, רבי גרשמ'ס ווייב, מיט אַלע איהרע כחות געמאַטערט איהר מאַן איינצורעדען אַ צווייטע ווייב צו נעהמען, און צולעצט האָט ער מסכים געווען, ווען זי וועט פאַר איהם אויסזוכען אַזעלכע, וואָס זאָל פאַר איהם פּאַסען. נאָך לאַנגע זוכען איז איהר בליק געפאַלען אויף די שעהנע מעליטא און זי האָט געגלויבט, אַז מיט איהר וועט זי קענען רוהיג און פריידליך צוזאַמענלעבען. זי האָט דעם גאָלדהענדלער מנחם געמאַכט אַ פאָרשלאַג, און יענער האָט זיך צו דעם מיט פריידע הענד אָנגעכאַפּט. ער האָט דאָס געטראַכט פאַר אַ גליק פאַר זיין טאָכטער און פאַר אַ גרויסען כבוד פאַר זיך. אין אַ קורצע צייט נאָכדעם, האָט רבי גרשם חתונה געהאַט מיט דער שעהנער מעליטטא כדת משה וישראל.

רבי גרשם האָט זיין צווייטע פרוי נישט ווייניגער געליעבט פון זיין ערשטע. ער האָט איהר אין אַלעם נאָכגעגעבען, וואָס איהר האַרץ האָט פערלאַנגט. זי האָט זיך תמיד געפוצט ווי אַ פּרינצעסין און איז מיט איהר שיקזאַל העכסט צופרידען געווען.

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און דבורה האָט דעם וואַהרען כאַראַקטער פון מעליטטא דערקענט. זי האָט שוין גאַנץ דייטליך געזעהן, וואָס פאַר אַ ביטערען טעות זי האָט געהאַט. זי האָט אין איהר דערקענט אַ נידעריגע פרוי, אָהן שום מאָראַל און דרך ארץ, אַ פרוי, וואָס איז גרייט שטאָלץ אויף איהר שעהנהייט און וואָס איז בערייט דיעזע שעהנהייט פאַר יעדען פרייז צו פערקויפען.

זי האָט זיך אין דער שטיל די ביטערסטע פאָרוואורפע געמאַכט, דאָס זי האָט איהר געליעבטען מאַן געלאָזט אַריינפאַלען אין אַזאַ געפעהרליכען נעטץ. אָבער זי האָט געמוזט שווייגען.

---

דריטעס קאַפּיטעל.

## די שׂרפה.

דער מיגיסטער יאָהאַן, דער ליעבלינג פון קייזער באַזיל, איז פון דער נאַטור אַן עהרגייציגער מענש און אַ גרויסער אינטריגאַנט געווען און דאָס, זיין גרויסער עהרגייץ און די קונסט אינטריגען צו פיהרען, האָט ער צו פערדאַנקען. דאָס ער

האט זיך ארויפגעארבעט ערשטער מיניסטער און ערשטער ראטהגעבער פון דעם קייזער באזיל צו ווערען. צו דעם איז ער נאך פון זיין ערשטע יוגענד אן א גרויסער שונא ישראל געווען און האט געזוכט די ארעמע אידען צו שאדען ביי יעדער געלעגענהייט.

די אורזאכע פון זיין שנאה צו אידען שטאמט פון פאלגענדען צופאל:

א צייט פריהער, איידער ער איז נאך געווען אזא ווינכטיגער בעאמטער, איז ער אמאל געזעסען מיט א גרויסע געזעלשאפט פון זיינע פריינד און בעקאנטע אין א שענק און האט מיט זיי וויין געטרונקען. די טהיר האט זיך געעפענט און אין איז ארעמער אידישער הויזירער (פעדלער) איז מיט זיין קעסטעל סחורה אריינגעקומען און האט יעדען איינעם פון די געסט אנגעבאטען, ביי איהם עטוואס צו קויפען. יאהאן האט א קוק געטהון אויף דעם ארעמען און בארוועסען אידען און האט גרויס לוסט בעקומען איהם צו בעליידיגען.

— קום אהער יודע! — האט ער ווינקענדיג מיט'ן קאפ אויסגערופען.

דער ארעמער הויזירער האט זיך דערפרעהט, גלויבענדיג אז ער וועט דא מאכען א פיינעם לייזונג, איז צו איהם צוגעגאנגען און האט דאס קעסטעל סחורה פאר איהם פיט אוועקגעשטעלט.

— געהט צו דיין פאק! — האט יאהאן ווידער אויסגערופען. — איך וויל גאר נישט קויפען, איך האב דיר נאר צוגערופען אום דיר א לעקציאן צו געבען: דער מענש, וואס זיצט אויף א טראהן און רייט אויף א טהייערן פערד, איז א קעניג; דער מענש, וואס פאהרט אין א פיינעם עקיפאזש, איז אן אריסטאקראט; דער וואס געהט צו פוס אנגעטהון אין שיך איז א מענש, אבער וואס איז יענער וואס געהט אום בארוועס? דו ווייסט עס נישט און איך וועל עס דיר זאגען: דאס איז א שמוציגער יודע!

דעם ארעמען הויזירער איז פאר בושה גאר דאס בלוט פון זיין קערפער אין זיין געזיכט אריינגעקומען. עס האט איהם געקרענקט ביז טויט אזא בעליידיגונג גאר אומזיסט און אום נישט צו הערען. ער האט זיך אבער בעהערשט און האט גאנץ רוהיג געענטפערט:

— איך דאנק דיר זעהר, מיין גנעדיגער העדר, פאר דער לעקציאן, וואס דו האסט מיר געגעבען, אבער אומזיסט וויל איך זי נישט אנגעהמען; איך וויל דיר בעצאהלען מיט אנאנדער לעקציאן. געדענק, מיין גנעדיגער הערר, אז א מענש דארף האבען דריי זאכען, אום א מ ע נ ש צו זיין: א באַרד, א ווייב און קינדער. א באַרד גיט איהם די געשטאלט פון א מענשען, א ווייב איז דער ציעל פון זיין לעבען און קינדער זענען זיין צוקונפט. היינט זאג מיר, מיין ווערטהעסטער, ביזט דו דען א מ ע נ ש, ווען עס פעהלען דיר די אלע דריי זאכען?

אלע, וואס זענען אין שענק געזעסען, האבען אויסגעשאסען מיט א גרויסען געלעכטער. דער ארעמער הויזירער האט אבער זיין קעסטעל סחורה האסטיג צוזאמען געפאקט און איז נעלם געווארען.

ווי פון א דונער דערשלאגען איז יאהאן געבליבען זיצען אויף זיין פלאץ, און אלס ער איז צו זיך געקומען, האט ער געוואלט דעם הויזירער נאכלויפען און איהם שלאגען, ער האט אבער באלד איינגעזעהן, אז עס איז פאר איהם נישט

קיין גרויסער כבוד איין ארעמען אידען צו שלאגען אויף דער גאס, און האט זיך צו־געשווארען, זיך נוקם צו זיין פון אלע אידען.

דער וויץ פון ארעמען יודען האט אנגעהויבען קורסירען אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל. דער שפעטערער מיניסטער יאהאן איז דאן פערפיינדעט געוועזען ביי די איינוואהנער פון דער הויפט־שטאדט, ווייל ער האט זיך בעפריינדעט מיט ניצעפאר דעם צווייטען וואס איז בעקאנט געוועזען אלס אומארענטליכער מענש און ביידע האבען זיי ערמאר־דעט דעם קייזער יאהאן ציכיסציעס. אלס דעם מיניסטער יאהאן'ס געגנער האבען דערהערט דעם בעליידיגטען וויץ וואס דער ארעמער יודע האט אמאל געזאגט און פון וועלכען דער יעצטיגער מיניסטער האט געהאט שטארקע קרענקונג, האבען זיי זיך שטארק געפרעהט פון דעם און האבען זיך אויסגעלערענט נאך אזעלכע, וויצען אום דעם מיניסטער צו בעליידיגען. איין מאל איז ער צווישען־געקומען מיט זיינע פיינד, האט זיך אנגערופען איינער פון זיי: „וואס איז די שעהנהייט פון א מענש?" — „זיין באָרד" האט דער צווייטער געענטפערט. — „וואס איז דער פערגניגען פון א מענש?" — האט געפרעגט א דריטער. — „זיין פרוי" האט א אנדערער געענטפערט. — „וואס איז דער פרייד פון א מענש?" האט ווייטער געפרעגט איינער. — „זיינע קינדער" האט ווידער ווער פון די פערזאמעלטע געענטפערט. — „געלויבט איז גאט" האבען זיך אלע מיט איין קול אבגערופען „וואס אונזער מיניסטער האט אלע דריי זאכען נישט".

יעדעס מאל ווען ער פלעגט דערהערען די בעליידיגענדע וויצען האט ער געקריצט מיט די צייהנער, געטופעט מיט די פיס און געשווארען נוקם זיין זיך אן אלע יודען.

א לאנגע צייט האט ער אבער דאצו קיין געלעגענהייט און קיין מאכט גע־האט, דען ער איז נאר געווען א קלייגער, אונבעדייטענדער בעאמטער. שפעטער אבער, ווען ער האט זיך דורך פערשידענע אינטריגען ביי דעם קייזער באזיל איינגע־שמייכעלט און איז געווארען ערשטער מיניסטער, האט ער ביי זיך געטראכט: „יעצט איז געקומען די צייט אלע אידען עוקר מן השורש צו זיין"!

ער האט אנגעווענדעט אלע מיטלען זיין פינסטערן פלאן אויסצופיהרען, אבער ער האט צו זיין גרויסען פערדרוס גארנישט געקענט מאכען. דער קייזער באזיל האט ליעב געהאט גערעכטיגקייט און האט אלע זיינע אונטערטהאנען, הן קריסטען און הן אידען בעשיצט.

זיין וואונש איז אבער באלד ערפילט געווארען דורך איין אונגליקליכען צופאל.

אין א פינסטערע נאכט, ווען גאנץ קאנסטאנטינאפאל איז פערזונקען געוועזען אין א טיעפען שלאף, האט ערגיץ־וואו אין שטאדט אויסגעבראכען א פייער און באלד האבען די ווילדע פלאמען ארומגענומען די גאנצע שטאדט.

צו יענער צייט, האט מען פון פייערוועהר, ווי היינט, נאך נישט געוואוסט, און די צושראקענע איינוואהנער זענען פון שרעק אזוי פאראליזירט געווארען, דאס זיי האבען נישט געוואוסט, וואס אנצופאנגען. הונדערטער הייזער זענען אין א קורצער צייט פערברענט געווארען אויף אש און מיט זיי א גרויסע צאהל מענשען וואס האבען שוין קיין צייט געהאט פון די פלאמען זיך ארויסצוראטעווען.

וואָס דער פֿײַער האָט פֿערשוינט, דאָס האָבען גנבים צוגענומען און דער שאָדען איז געוועזען זעהר גרויס.

די הויז פֿון רבי גרשם איז געוועזען אײנע פֿון די ערשטע וואָס האָט זיך אָנגעצונדען. ער האָט אָבער געגוּו צײַט געהאַט זיך און זײַנע פֿרויען צו ראַטעווען.

ווי תמיד, איז ער אויך הײַנט געזעסען און האָט פֿלײַסיג געלערנט, און קוים האָט ער די שרפה דערזעהן, האָט ער זײַנע צווײ פֿרויען אויפֿגעוועקט. מיט זײער הילף האָט ער זײַנע גאָלדזאַכען און זײַנע כּתבים צוזאַמענגעפּאַקט און איז מיט זײ אַנטלאָפֿען געוואָרען צו זײַנעם אַ גוטען פֿרײַנד, וואָס האָט געוואָהנט אין אַ גאַס, וואו דער פֿײַער האָט נאָך נישט שולט געוועזען.

ער האָט דאָרטען איבערגעלאָזען זײַנע פֿרויען און איז געלאָפֿען ראַטעווען זײַן שווער ר׳ מנחם. ווי גרויס איז אָבער זײַן שרעק געוועזען אַז ער איז אַהין געקומען! ער האָט געפֿונען די טהיר פֿון זײַן שווערס הויז אויפֿגעבראָכען, און דער אַלטער ר׳ מנחם האָט געשוואומען אַ טויטער אין אַ טײַך בּלוט.

די גנבים, בּענוצענדיג די מהומה, האָבען אין זײַן הויז אַרײַנגעבראָכען, דעם אַלטען ערמאָרדעט און דאָס הויז בּערויבּט.

רבי גרשם האָט שטאַרק מורא געהאַט זײַן יונגע ווײַבּ מעליטטא די בּײזע בּשׂורה פֿון איהר פֿאָטערס טויט אָנצוזאָגען. ער האָט אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט, דען אַלס ער האָט עס איהר ענדליך דאָך אויסגעזאָגט, איז זי גאַנץ רוהיג און גלײַכגילטיג געבּליבּען.

אין זײַן פֿערבּלענדונג האָט ער געגלויבּט, אַז מעליטטא, ווי אַלע פֿרומע און גאָטספֿאָרכטיגע פֿרויען, נעהמט עס אָן ווי אַ שטראָף פֿון גאָט, אויף וועלכען מען טאָר נישט מתרעם זײַן, און האָט זיך מיט דעם זעהר געפֿרעהט.

דבורה אָבער האָט אַנדערש געזעהן. זי האָט געזעהן, אַז מעליטטא בּעדויערט מעהר דעם פֿערלוסט פֿון איהר פֿאָטערס פֿערמעגען, אַלס זײַן טויט; אָבער זי האָט קײן וואָרט געזאָגט און האָט געשוויגען, ווײַל זי האָט איהר מאַן נישט געוואָלט מצער זײַן.

צו דעם אומגליק פֿון דער שרפה, האָט נאָך אַ שרעקליכע מגפה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויסגעבראָכען און די מענשען זענען געפֿאַלען ווי די פֿליגען.

איבּער דרײַסיג טויזענד מענשען האָבען זיך געוואַלגערט אין די פֿערבּרענטע און שמוציגע גאַסען פֿון שטאָדט און אונטער זײ האָט די מגפה געהערשט מיט איהר פֿולען מאַכט גאָר אָהן רחמנות.

רבי גרשם, וואָס האָט דורך דער שׂריפֿה דעם גרעסטען טהײל פֿון זײַן פֿערמעגען פֿערלאָרען, האָט שוין גענומען מאַכען הכנות זײַן פֿאַבּריק און זײַן געשעפֿט וויעדער אויפֿצוריכטען. ער האָט שוין אָבער דערצו קײן צײַט געהאַט. ער האָט געזעהן, אַז יעצט האָט ער וואָס ווichtיגערעס צו טהון. אַלס גרויסער מענשען-פֿרײַנד און פֿילאַנטראָפּ, האָט ער פֿאַר נויטיגער געפֿונען די קראַנקע פֿון דער מגפה מיט ראַטה און טהאַט בּײַצושטעהן. אין פּומבּדיתא, וואו ער האָט זײַנע תּלמודישע שטודיען געמאַכט, האָט ער אויך מעדיצין געלערנט, און דיזע וויסענשאַפֿט איז איהם יעצט זעהר צונוּטץ געקומען.

טאָג און נאַכט פֿלעגט ער אַרומגעהן אַרום די פּעסט-קראַנקע, האָט פֿאַר

די פערשידענע רפואות פראבירט און האט זעהר פיעל קראנקע פון זיכער טויט ארויסגעראטעוועט.

עס האט נישט לאנג געדויערט, און רבי גרשם האט בעקומען א נאמען פון דעם בעסטען דאקטאר אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל. הונדערטע מענשען זענען צו איהם געקומען פון פערשידענע קראנקהייטען ביי איהם זיך צו קורירען, און ער האט זיי אלעמען מיט גרויס קונסט בעהאנדעלט.

דער מיניסטער יאהאן האט דערוויל נישט אויפגעהערט צו זוכען פלאנען ווי אזוי זיך נוקם צו זיין אן די אידען און איז ענדליך געקומען אויף דעם איינפאל, די אידען פון דער רעזידענץ אין דער גרויסער שרפה צו בעשולדיגען.

ער האט דירך א פאר פון זיינע געטרייע באנדיטען, אין שטאדט בעקאנט געמאכט, דאס די שריפה האט זיך אין א אידישער הויז אנגעפאנגען. און צו יענער צייט איז שוין נאר דאס אליין גענוג געוועזען א שרעקליכען שטורעם אויף די ארמע, אונבעשיצטע אידען אויפצוועקען. זיינע פערבארגענע אינטריגען האבען אזוי ווייט אויף דער קריסטליכער מאסע געווירקט, דאס טאג טעגליך פלעגען זיך ארום דעם קייזערליכען פאלאץ גאנצע מאסען פאלק פערזאמלען און פלעגען פערלאנגען מען זאל די אידישע „אונטערצינדער" בעשטראפען.

א לאנגע צייט האט דער קייזער באזיל דערפון נישט געוואלט הערען, ביז עס איז דעם באנדיט יאהאן געלונגען די גלחים פון די קירכען איבערצורעדען און זיי אויף זיין זייט צו קריגען.

די גלחים זענען געקומען צום קייזער און האבען איהם ערקלערט, אז אויב ער וועט נאך ווייטער די אידען האלטען אונטער זיין שוץ און וועט זיי נישט בעשטראפען, ווי זיי האבען עס פערדינט, וועט געוויס א שרעקליכע רעוואלוציאן אין גאנצען לאנד אויסברעכען און דאן איז זיין טהראן נישט זיכער.

דאס האט אויף דעם קייזער געווירקט. ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, דאס אין דריי חדשים צייט מוזען אלע אידען דאס לאנד פערלאזען. עס טאר קיין איינציגער בלייבען. דער איד, וואס וועט בלייבען אין לאנד נאך דעם פעסטגעזעצטען טערמין, וועט פערארטהיילט ווערען צום טויט. עס קענען נאר בלייבען די אידען, וואס וועלען אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען.

עס איז שווער צו שילדערן דעם שרעק און יאמער פון די אומגליקליכע אידען, אלס זיי האבען דיזען בעפעהל בעקומען. ווי איז דאס מעגליך טויזענדע פאמיליען אין אזא קורצע צייט א לאנד צו פערלאזען, א לאנד וואו זיי האבען גאנצע יאהרהונדערטע געלעבט! עס איז זיי אפילו ערלויבט געוועזען זייער פערמעגען מיטצונעהמען, אבער דיזער פערמעגען איז על פי רוב בעשטאנען אין הייזער און אין פעלדער, און וועלכען פרייז קענען זיי פון די קריסטען דערפאר בעקומען, ווען יענע וויסען, אז אין דריי חדשים מוזען זיי עס איבערלאזען און אויסוואנדערן. אויסער דעם בלייבט נאך די פראגע: וואוהין געהן? וואוהין זיך ווענדען? וועלכע לאנד וועט זיי אויפנעהמען?

די אונגליקליכע אידען האבען נאר איין מיטעל געקענט: גאט בעטען. דאס האט זיי שוין אין די אלטע צרות עטליכע מאל געהאלפען און זיי האבען געגלויבט, אז אויך יעצט וועט זיי דער רבונו של עולם די ישועה פון הימעל ארונטערשיקען.

איבעראַל , אין גאַנץ גריכענלאַנד און אויך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל , האָבען די
אידען גוזר תענית געווען און האָבען מיט היסע טרעהרען גאָט געבעטען , ער זאָל
די גזרה מבטל זיין . עס איז ביי קיינעם גאָר קיין ספק נישט געווען , אַז גאָט
וועט זיך איבער זיי מרחם זיין און וועט זיי אויך יעצט אַרויסהעלפען פון דער ביטע-
רער גזירה .

---

פיערטעס קאַפּיטעל .

## די פּרינצעסין טהעאָדאָראַ ;

אין דעם קייזערליכען פּאַלאַץ , אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל , האָט געלויכטען אַ ליכ-
טיגער שטערן . די יונגע און די שעהנע פּרינצעסין טהעאָדאָראַ , די איינציגע טאָכ-
טער פון קאָנסטאַנטין דעם אַכטען , קייזער באַזיל'ס ברודער , האָט אין גאַנץ גריכענ-
לאַנד געהייסען : „דער שטערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל". זי איז אָבער נישט נאָר פאַר
איהר יוגענד און פאַר איהר זעלטענע שעהנהייט אַליין איבעראַל בעקאַנט און בע-
ליעבט געוועזען , מען האָט איהר אויך פערגעטערט פאַר איהר גוטען כאַראַקטער
און פאַר אַנדערע גייסטיגע מעלות , מיט וועלכע די נאַטור האָט איהר זעהר רייך בע-
שאָנקען . מעהר פון אַלעמען האָט איהר געליעבט און געשעצט איהר פעטער , דער
קייזער באַזיל , ווייל זי האָט שטענדיג פערשטאַנען איהם לוסטיג צו מאַכען און זיינע
אויפגעצומונטערן אין די שווערע מאָמענטען , ווען זיין גייסט איז פערדונקעלט געווא-
רען דורך די לאַסטען און זאָרגען פון דער מלוכה . אין איהר געגענוואַרט האָט דער
קייזער אַלע זיינע זאָרגען פערגעסען , און ווען זי האָט איהם אַ פּאָר פון איהרע לוס-
טיגע געשיכטען פאָרגעפּלוידערט , אָדער , ווען זי האָט איהם איינע פון איהרע לוסטי-
גע ליעדער פאָרגעזונגען , האָט ער געלאַכט ווי אַ קליין קינד .

אַ קורצע צייט נאָכדעם , ווי דער קייזער באַזיל האָט אַרויסגעגעבען דעם בע-
פעהל , דאָס אַלע אידען פון גריכענלאַנד מוזען אין דריי חדשים צייט דאָס לאַנד פערלאַ-
זען , איז אין דער פּרינצעסין טהעאָדאָראַ'ס געמיטה אַ גרויסע ענדערונג פאָרגעקומען .
איהר פרעהליכקייט איז מיט אַמאָל פערשוואונדען , זי איז פערזונקען געוואָרען אין אַ
טיעפע מעלאַנכאָליע , האָט זיך צוריקגעצויגען פון די מענשען , איבערהויפּט פון די
לוסטיגע געזעלשאַפטען , האָט זיך צו קיין עסען נישט צוגעריהרט און האָט אָנגעהויי-
בען מאָגערער צו ווערען פון טאָג צו טאָג .

מיט גרויס טרויער האָט קייזער באַזיל צוגעזעהן ווי זיין ליעבלינג , זיין יונגע
בלום , פערוועלקט אַלץ מעהר און באַלד וועט זי אין גאַנצען אָבשטאַרבען .

אויף זיין בעפעהל , האָט מען צו איהר די גרעסטע און בעריהמטעסטע דאָק-
טוירים פון גריכענלאַנד איינגעלאַדען , אָבער אַלע זייערע מיטלען האָבען אויף איהר
נישט געווירקט . פון דער בליהענדער פּרינצעסין איז נור אַ שוואַכער שאָטען איבער-
געבליבען , און מען האָט שוין געגלויבט אַז איהרע טעג זענען געצעהלטע .

דערוויילע האָבען די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אידען געמאַכט הכנות ראָש

לאַנד צו פערלאָזען, ווייל די צייט פון דעם פעסטגעזעצטען טערמין איז שוין קורץ געוועזען.

אָנפאַנגס האָבען זיי נאָך געפּרובירט די גזרה מבטל צו זיין. זיי האָבען געשיקט דעפּוטאַציאָנען צום קייזער און האָבען איהם געבעטען דעם בעפעהל צוריק צו נעהמען, דער קייזער אָבער האָט דערפון נישט געוואָלט וויסען, ווייל ער איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די גלחים. די יודען האָבען אויך דעם באַנדיט יאָהאַן אַ גרויסע סומע געלד פאָרגעשלאָגען, כדי ער זאָל זיך פאַר זיי ביי דעם קייזער פערווענדען, ער האָט זיי אָבער נאָר אויסגעלאַכט און פון זיין הויז אַרויסגעטריבען.

פערלירענדיג אַלע האָפנונגען, איז זיי גאָרנישט איבערגעבליבען, נישט מעהר ווי זיך מכין צו זיין צום אויסוואַנדערן.

וועניגער פון אַלעמען האָט רבי גרשם געזאָרגט. איהם האָט די גזירה נישט געקענט רואינירען. ער האָט געהאַט צוויי וועגען: ענטוועדער נאָך מעץ, זיין געבורטס־שטאָדט, אויסצוואַנדערן, אָדער זיך צו בעזעצען אין מיינץ, דאָרט וואו די עלטערען פון זיין ווייב דבורה האָבען געוואָהנט. ער האָט געוואוסט אַז אין ביידע פלעטצער וועט מען איהם מיט אָפענע אָרעמס אויפנעהמען. דאָרטען וועט ער קענען גאַנץ רוהיג לערנען און זיין מסחר ווי ביז יעצט בעטרייבען.

דאָס איינציגע וואָס האָט איהם זיין לעבען פערביטערט, איז געווען די אונגליקליכע לאַגע פון זיינע אָרעמע ברידער, פון די אונגליקליכע, וואָס האָבען נישט געהאַט וואו זיך צו קעהרען און וואו זיך צו ווענדען.

טאָג און נאַכט האָט ער געטראַכט און געזוכט מיטלען, ווי אַזוי די ביטערע גזרה מבטל צו זיין, אָבער ער האָט גאָר נישט געקענט אויסטראַכטען.

אין אַ געוויסען טאָג האָט ער ערפאַהרען פון דער פּרינצעסין טהעאָדאָראַ'ס קראַנקהייט און האָט זיך גלייך ענטשלאָסען איהר זיין הילף אַלס דאָקטאָר אָנצובאָטען. דיעזער ענטשלוס האָט ביי איהם געשטאַמט פון דער האָפנונג זיינע אונגליקליכע ברידער פון דער נויטה אַרויסצוהעלפען, ווען עס וועט איהם געלינגען די קראַנקע פּרינצעסין אויסצוקורירען. עס איז נאָר איין מניעה געווען: ווי אַזוי זאָל ער קומען אין קייזערליכען פּאַלאַץ נישט־גערופענערהייד און זאָל דאָרט זיין הילף אָנבאָטען?

דאָ האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיין אַלטען בעקאַנטען פּריינד ר א מ א ן א ר ג י ר א פ א ל י ס, וועלכען ער האָט אַמאָל אַ טהייערן בעכער פון זילבער פערקויפט און מיט וועלכען ער איז פון דאַמאָלס אָן זעהר בעפריינדעט געוועזען.

ער האָט געוואוסט, אַז דיעזער הויכער בעאַמטער ראָמאַן איז זעהר געאַכטעט ביי דעם קייזער באַזיל און קען ביי איהם מאַנכעס אויספיהרען. ער האָט קיין שהיות געמאַכט און איז אַוועק צו איהם אין זיין הויז, אום איהם צו בעטען, ער זאָל איהם רעקאָמענדירען אַלס דאָקטאָר.

— אָה, רבי! — האָט ראָמאַן טרויעריג אויסגערופען, אַלס רבי גרשם איז צו איהם אַריינגעקומען, — איך ווייס וועלכען צוועק דיין בעזוך האָט. דו ביסט מיר געקומען בעטען, איך זאָל מיך ביי דעם קייזער פערווענדען וועגען דיין אונגליקליכעס פאָלק, אָבער עס וועט גאָרנישט העלפען. די גזרה קען קיינער נישט

מבטל זײַן. די גלחים האָבן אַ גרעסערע מאַכט פון מיר. זײ האַלטן דעם קײסער אין זײערע הענט.

— דו האָסט אַ טעות, מײַן פרײַנד! — האָט איהם רבי גרשם געענטפערט. — איך ווײס זעהר גוט, אַז געגען אַזאַ בונדיט ווי דער מיניסטער יאָהאַן איז, קענסט דו נישט מלחמה האַלטען. אָבער מײַן וויזיט האָט אײן אַנדער צוועק. דו מוזט דאָך וויסען, אַז חוץ מײַן פראָפעסיאָן אַלס גאָלד-אַרבײַטער, האָב איך נאָך אַ צווײטע פראָפעסיאָן.

— אָה, איך ווײס!... דו ביזט זעהר אַ גוטער דאָקטאָר, און עס פרעהט מיך זעהר, דאָס אויך אין דיזער מלאכה האָסט דו זיך אויסגעצײכענט אַלס וואַהרער קינסטלער... יאָ, יאָ, מײַן פרײַנד, אויך אין דעם האָסט דו גליק!

— נײן, מײַן פרײַנד! דײַן לויב געהערט נישט צו מיר. איך האָב עס נישט פערדינט... איך בין נאָר אַ שליח פון גאָט, ווען ער וויל אַ קראַנקען זײַן הילף שיקען, און דאַרום האָף איך אויך יעצט, דאָס אונזער גוטער גאָט וועט מיר העלפען די קראַנקע פרינצעסין טהעאָדאָראַ אויסצוקורירען, ווען דו וועסט מיר פאַר דעם קײזער רעקאָמענדירען.

ראָמאַן האָט איהם העכסט איבערראַשט אָנגעקוקט.

— וואָס רעדסט דו, רבי? — האָט ער אויסגערופען, — דו גלויבסט, אַז דו ביזט אין שטאַנד די פרינצעסין אויסצוקורירען?... ווײסט דו דען נישט אַז איהר לאַגע איז פערצווײפעלט, אַז זי שטעהט שוין מיט אײן פוס אין קבר? אום זי אומזיסט נישט מעהר צו פּײַניגען און צו מאַטערן, האָט דער קײזער געגעבען אַ בעפעהל צו איהר קײן דאָקטאָר נישט צוצולאָזען, ווײַל די דאָקטוירים, וואָס האָבען זי ביז יעצט בעהאַנדעלט, האָבען איהר קײן הילף פערשאַפט.

— איך ווײס עס, — האָט רבי גרשם געענטפערט —, און דאָך גלויב איך, אַז איך וועל איהר קענען העלפען, ווען מען וועט נאָר צו מיר צוטרויען האָבען.

— ווײסט דו, אָבער, וואָס דער רעזולטאַט וועט זײַן, ווען די קוראַציע וועט דיר נישט געלינגען? דער יו׳ן-פרעסער יאָהאַן וועט דיך דאַמאָלס פערפאָלגען ביז טויט.

— אויך דאָס ווײס איך!... אָבער אין אַנדער פאַל, ווען עס וועט מיר יאָ געלינגען די פרינצעסין צו קורירען, קען דאָס זײַן אַ גרויסע ישועה פאַר מײַן פאָלק. אויס דאַנקבאַרקײַט וועט דער קײזער זײַן בעפעהל צוריקציהען און די ביטערע גזרה וועט בטל ווערען.

ראָמאַן האָט זיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט און האָט דאַן אויסגערופען:

— גוט, איך וועל עס אונטערנעהמען!... בלײַב דאָ אויף מיר וואַרטען! איך געה צום קײזער און וועל איהם דײַן פאָרשלאַג פאָרלעגען.

פרויערין און גאַנצען געבראָכען איז דער קײזער באַזיל געזעסען אין זײַן קאַבינעט און האָט זײַן יאָמער פאַר דעם מיניסטער יאָהאַן אויסגעגאָסען.

דער קײזער באַזיל האָט קײן ווײַב און קײנע קינדער געהאַט, דאַרום איז ער מיט לײַב און לעבען צו זײַן ברודערס טעכטער צוגעבונדען געוועזען, די שעהנע און

גוטע טהעאָדאָרא האָט ער געליבט ווי איין אייגענעם קינד, און יעץ שרעקליך איז איהם געווען דער געדאַנקען זי צו פערלירען...

— איך גלויב, — האָט דער קייזער צו דעם מיניסטער יאָהאַן געזאָגט — אז דאָס איז גאָר אַ שטראָף פון גאָט פאַר מיין הארטהערציגקייט צו די אָרעמע אידען... איז עס דען נישט אַ זינד אַ גאַנצע פאָלק אַזוי עלענד און אונגליקליך צו מאַכען?

— אייער קייזערליכע מאַיעסטעט טוזען מיר פערציַיהען, ווען איך ערלויב מיר צו ענטפערן, אַז די זאַך איז נישט אַזוי, — האָט יאָהאַן געענטפערט — ווען דאָס וואָלט ווירקליך אַזוי געוועזען, וואָלט אונזער הייליגער מיטראָפּאָליט אַלעקסי צו דעם נישט צוגעשטימט. פערקעהרט, ער האָט פון דער הייליגער ביבעל בעוויזען, אַז דאָס איז אַ גרויסע מצוה.

אין דער מינוט איז דער קייזערליכער קאַמערדינער אַרייַנגעקומען מיט, ער מעלדונג, דאָס ראָמאַן אַרגיראָפּאָלים האָט מיט איהם איבער אַ וויכטיגען ענין צו רעדען.

דער קייזער האָט איהם געהייסען אַרייַנפיהרען אין קאַבינעט.

— וואָס פאַר אַ נייַעס ברענגסט דו אונז, מיין גוטער ראָמאַן? — האָט איהם דער קייזער געפרעגט, ווען ער איז אין קאַבינעט אַרייַנגעקומען.

— איך ברענג דיר אַ גוטע נאַכריכט, מאַיעסטעט! — האָט ראָמאַן געענטפערט, — עס איז דאָ אַ האָפנונג, אַז אונזער טהייערע פּרינצעסין טהעאָדאָרא זאָל באַלד ווידער געזונד ווערען.

— גיב גאָט, אַז דאָס זאָל אמת זיין!... אָבער ווי אַזוי קען דאָס געשעהן?

— דאָ ביי אונז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל לעבט זעהר אַ געשיקטער דאָקטאָר... ער איז געבאָרען אין פראַנקרייך... די גאַנצע וועלט דערצעהלט פון איהם גרויסע וואונדער.

— אַח, לאָז מיך צורוה מיט דיינע דאָקטוירים!... די הונדערטער דאָקטוירים, וואָס האָבען די אונגליקליכע פּרינצעסין ביז אַהער בעהאַנדעלט, האָבען איהר קיין הילף געבראַכט... זיי זענען אַלע נאַר שאַרלאַטאַנען און וויסען גאָרנישט!

— דו מוסט מיר מוחל זיין, מאַיעסטעט! דער דאָקטאָר פון וועלכען איך רעד, שטעהט העכער איבער אַלע גריכישע דאָקטוירים. ער האָט זיינע טיעפע קענטניסע אין דער צייט פון דער שרעקליכער פעסט בעוויזען, פון די קראַנקע, וועלכע ער האָט בעהאַנדעלט, איז קיין איינציגער געשטאָרבען!

— און ווי הייסט ער דיין בעלינם?

— רבי גרשם דער פראַנצויז!

— דער גאָלדשמיד? — האָט דער קייזער פערוואונדערט געפרעגט.

— וועה!... אַ איד? — האָט יאָהאַן אויסגערופען.

— דאָס איז ער! — האָט ראָמאַן געענטפערט. — ער איז דער גרעסטער געלעהרטער אין גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיינע מעדיצינישע קענטניסע זענען זעהר טיעף און וואָס נאָך וויכטיגער איז, ער האָט גליק אין דיזער פּראָפעסיאָן:

— ביי מיר איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ער איז גאָר אַ מכשף! — האָט

זיך דער אנטיסעמיט יאהאן אָבגערופען, — און איך נעהם מיר די פרייהייט אייער מאיעסטעט צו ווארנען, זיך נישט איינצולאָזען מיט א מענשען, וואס שטעהט אין בונד מיט דעם טייוועל.

— איהר מוזט מיר פערצייהען, הערר מיניסטער, — האָט איהם ראָמאַן געענטפערט, — אייער אורטהייל איבער דעם געלעהרטען רבי גרשם איז פאַלש... ער איז קיין מכשף, ער איז נאָר א גרויסער געלעהרטער און בעהאַנדעלט זיינע פאציענטען נאָך די געזעטצע פון דער וויסענשאַפט.

— גיט! — האָט זיך דער קייזער אָבגערופען, — איך וועל איהם רופען און וועל איהם די פרינצעסין איבערגעבען צום קורירען, אָבער אידער ער וועט די קור אנפאַנגען, מוז ער מיר שווערען, אז ער קורירט נישט מיט צויבעריי. נאָך איינס: אין פאַל, ווען ער וועט זי נישט אויסקורירען, וועל איך איהם לאָזען בעשטראָפען מיט דעם טויט; דאַגעגען, אין פאַל, ווען ער וועט זי יא אויסקורירען, קען ער פון מיר פערלאַנגען, וואָס ער וויל. איך וועל איהם אַלעס בעווילינגען. און יעצט, מיין גוטער ראָמאַן, געה געשווינד און ברענג מיר דיין דאָקטאָר!

ווי א פייל פון בויגען האָט ראָמאַן געאיילט צו זיך א היים און האָט דעם רבי גרשם געבראַכט דעם ענטפער פון דעם קייזער. אין א האַלבע שטונדע אַרום האָט זיך דער קייזערליכער קאַמערדינער צום קייזער אין קאַבינעט אריינגעפיהרט.

רבי גרשם האָט זיך פאַר דעם קייזער טיעף פערנייגט, אָבער ער האָט זיך נישט געשטעלט אויף די קניע, ווי די עטיקעטע האָט געפאָדערט.

דער קייזער האָט איהם א ווייַלע שווייגענדיג בעטראַכט.

— וואָרום קניעסט דו פאַר מיר נישט? — האָט איהם דער קייזער געפרעגט.

— איך בין א איד, קייזערליכע מאיעסטעט! — האָט איהם רבי גרשם גאַנץ געלאַסען געענטפערט, — און מיר אידען קניען נור פאַר גאָט אַליין. דאָך גלויב מיר, מיין ערהאַבענער קייזער, אז מיר אידען זענען דיר נישט ווייניגער טריי ווי די אַנדערע אונטערטהאַנען אין מיר ווייסען, וואָס מיר זענען דיר שולדיג. מיר ליעבען און אַכטען דיך מיט אונזער לייב און לעבען, ווייל דו ביזט א גוטער הערשער.

— ווי הייסט דו?

— גרשם בן יהודה... דאָ רופט מען מיך: דער פראַנצויז!

— ביזט דו ווירקליך פון פראַנקרייך?

— איך בין געבוירען אין מעטץ, אין לאָטהרינגען, (וואָס בעלאַנגט היינט צו דייטשלאַנד).

— און ווי אַזוי קומסט דו אַהער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל?

— איך האָב מיך אין דיין רעזידענץ נאָר דאַרום בעזעצט, ווייל איך האָב געהערט, אז דו ביזט א גרויסער מענשען-פריינד און אַלע דיינע אונטערטהאַנען לעבען גליקליך אונטער דיין שוטץ!

— אָה, דו האָסט א גלאַטען צינגעל און קענסט זעהר גוט חנפ'ן... אָבער זאָג מיר נאָר, ביזטו דאָס דער בערימטער גנאָדענמיטער?

— איך בין עס, מאַיעסטעט!

— אונד ווי קומט עס, דאָס דו ביזט מיט איין מאָל א דאָקטאָר געוואָרען?

— איך האָב די מעדיצינישע וויסענשאַפטען געלערנט אויס ליעבע צו דער קונסט. בעשעפטיגען זיך מיט דער מעדיצין האָב איך נישט געוואָלט, ביז עס האָט דאָ אין דער רעזידענץ די שרעקליכע פּעסט אויסגעבראָכען. ווען עהענדיג דאָס מיינע מיטמענשען פאַלען ווי די פליגען, האָב איך מיך גענומען צו העלפען ווי ווייט איך קען און, גאָט זיי דאַנק, עס איז מיר געלונגען הונדערטער מענשען פון זיכערן טויט צו ראַטעווען!

— און דו טרייבסט נישט קיין כשוף?

— זאָל מיר גאָט דערפון בעהיטען! ביי אונז אידען טאָר מען זיך מיט כשוף נישט בעשעפטיגען!

— און דו גלויבסט, אז דו וועסט די פּרינצעסין טהעאָדאָרא אויסקורירען, נאָך־דעם ווי אלע דאָקטוירים האָבען זי אויפגעגעבען?

— איך האָף, אז מיין גוטער גאָט וועט מיר וויזען דעם ריכטיגען וועג, אויף וועלכען איך זאָל קענען די קראַנקע פּרינצעסין צו איהר געזונד צוריק ברענגען?

— גוט!... אַלזאָ שווער מיר ביי דיין אידישען גאָט, אז דו וועסט זי סיי זייבער נישט בעהאַנדלען!

— איך שווער עס ביי מיין גאָט!

— און אין פאַל, ווען דו וועסט איהר נישט אויסקורירען?

— דאַן וועל איך דיר בעצאָהלען מיט מיין לעבען!

— איך בין צופרידען!... אָבער דו מוזט אויך וויסען, אז אין פאַל, ווען דו וועסט מיר די פּרינצעסין אויסקורירען, דאַן וועל איך דיר קעניגליך בעלוינען... יעצט, מיין גוטער ראַטמאַן, געה און פיהר אריין דעם דאָקטאָר צו דער פּרינצעסין!... איך בעט נאָר ביי גאָט, אז ער זאָל איהם אין זיין אונטערנעהמונג בייזטעהן!... געהט!

---

פינפטעס קאַפּיטעל.

## די ישועה.

ווען רבי גרשם איז אריינגעקומען צו דער קראַנקער פּרינצעסין אין צימער, האָט ער זיך דערשראָקען ווען ער האָט דערזעהן, וואָס עס איז פון איהר אין אזא קורצע צייט געוואָרען. איין איינציגער בליק אויף איהר טויטען פּנים און אויף איהר אויסגעדאַרטען און צוזאַמענגעפאַלענעם קערפּער, האָט איהם שוין קלאָהר געמאַכט, וואָרום די בערימטע דאָקטוירים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון גאַנץ גריכענלאַנד האָבען איהר אויפגעגעבען; דיזער בליק האָט יעצט אויך איהם געזאָגט, אז עס איז ריין אונמעגליך איהר צו העלפען.

ער האָט געבעטען, אז מען זאָל איהם מיט די קראַנקע לאָזען אליין אין צימער. און אלס אלע זענען ארויסגעגאַנגען, האָט ער זיך גענומען די קראַנקע אונטערזוכען.

וואס מעהר ער האט געפארשט און געזוכט, האט ער זיך אלץ מעהר איבערצייגט, דאס די מענשליכע וויסענשאפט איז דא צו שוואך צו העלפען; די אונגליקליכע פרינצעסין מוז שטארבען, ווען גאט וועט איהר נישט שיקען זיין הילף פון הימעל.

און מיט איהר שטארבען, שטארבט אויך די האפנונג פון טוויעגדער איהרע און זיין אייגענעם לעבען שוועבט אין דער גרעסטער סכנה.

ווי פון איין אונזיכטבארע האנד געטריבען, איז ער געפאלען אויף די קניע אין אונטער א שטראם הייסע טרעהרען, האט ער אנגעהויבען מתפלל צו זיין צו גאט:

„ה' אלקים! גאט מיין גאט, העלף מיר און טהו גענאר מיט דיין קנעכט, דו גאט דער מענשען-בעשעפער, דו ווייסט די מענשליכע געדאנקען, דו ווייסט אז נישט צוליעב מיר, נישט צוליעב געלד פערדינען, נישט צוליעב רייך ווערען, נישט צוליעב כבוד און רוהם האב איך איינגעשטעלט מיין לעבען און מיר ערדריסטעט צוצוטרעטען היילען די קראנקע פרינצעסין אויף וועלכע'ס לעבען מען האט שוין פערלוירען די האפנונג — נאר צוליעב דיין הייליגען נאמען, כדי צו רעטען דיין פאלק. דאס זייערע שונאים זאלען איבער זיי נישט געוועלטיגען און זיי זאלען נישט זיין צו שאנד און שפאט ביי זייערע שכנים. ליעבער גאט! דו האסט אין דיין מאכט שטארקייט, חכמה און רפואה, דו קענסט טהון וואס דו ווילסט און קיינער קען דיר נישט שטערן! דו בעשטימסט יעדען זיין לעבען, דו מאכסט לעבעדיג די טויטע ווי דו האסט לעבעדיג געמאכט דעם זוהן פון די צרפתית דורך אליהו הנביא און דעם זוהן פון די שונמית דורך אלישע און פיעל טויזענדער דורך יחזקאל הנביא. הער צו מיין געבעט און בעלייכט מיך אז דורך מיר זאל לעבעדיג ווערען די קראנקע פרינצעסין וועלכע האלט ביי'ם שטארבען! טהו דאס צוליעב דיין נאמען! טהו דאס צוליעב די זינענדיגע קינדער וועלכע האבען נישט געזינדיגט! טהו דאס צוליעב די קינדער וועלכע געהען אין חדר אריין — און שיק איהר א רפואה שלמה".

אלס ער האט זיין תפלה געענדיגט און איז אויפגעשטאנען, איז ער ווידער צוגעגאנגען צום בעט, און ווי גרויס איז זיין איבערראשונג געווען, אלס ער האט דערזעהן די ענדערונג, וואס איז אין דעם געזיכט פון דער קראנקער פארגעקומען. איהרע באקען, וואס זענען מיט עטליכע מינוט פריהער בלייך געווען ווי דער קאלטער טויט, האבען זיך געפארבט אין א ליעבליכע רויטקייט, איהר איינגעפאלענע ברוסט האט יעצט פרייער און רוהיגער געאטהעמט און פון איהרע אויסגעיאשענע אויגען האט יעצט א שטראהל פון לעבען ארויסגעבליצט.

רבי גרשם האט זיך זעהר דערפרעהט אלס ער האט געזעהן די ענדערונג וועלכע איז איינגעטרעטען אין צושטאנד פון די פרינצעסין. ער האט דערקענט אז די מעלאנכאליע, און דערמיט די הויפט-קוועלע פון די קראנקהייט, איז אוועק, און יעצט ברויך ער נאר זעהן איהר צו קרעפטיגען זי זאל צוריק צו איהר געזונד-צושטאנד קומען. ער האט ערקענט אז עס וועט פערגעהן א צייט ביז די פרינצעסין וועט קאנען פון בעט אויפשטעהן, דען אין דער צייט פון איהר קראנקהייט האט זי גארנישט געגעסען און פון דעם זענען איהרע קרעפטען זעהר אבגעשוואכט געווארען און נאר גאנץ פאמעליך קען זי צו איהרע קרעפטען צוריקקומען.

רבי גרשם האט אריינגערופען איינעם פון די דינער און האט איהם געהייסען בלייבען ביי די קראנקע פרינצעסין. אליין איז ער אוועקגעגאנגען אהיים, האט מיטגענומען א הלף און איז אוועק אין שלאכטהויז. דארט האט ער געקוילעט א יונגען אקס נאך אלע דינים פון שחיטה און האט אויסגעשניטען דעם בעסטען חלק פלייש.

פון דעם פלייש האט ער געלאזט קאכען בוליאן, צו וועלכען ער האט פערשידענע מעדיקאמענטען צוגעגעבען, און ער האט די קראנקע אלע פירטעל שעה עטליכע לעפעל איינגעגעבען.

די ווירקונג איז געוועזען איבעראשענד. די קראנקע האט זיך געפיהלט געשטארקט און בעלעבט, און איז באלד פערזונקען געווארען אין א רוהיגען שלאף, וואס האט איהר נאך מעהר געשטארקט.

אויף דעם אופן האט ער איהר עטליכע טעג בעהאנדעלט. מיט פריידען האט ער געזעהן ווי איהר לאגע בעסערט זיך פון טאג צו טאג, ווי איהרע קרעפטען נעהמען צו.

— וואו בין איך? — האט זי ענדליך אויסגערופען, נאך א לאנגען שלאף איהרע שעהנע אויגען אויפעפנענדיג.

— אין דיין אייגענעם צימער, פרינצעסין! — האט ער איהר געענטפערט.

— און ווער ביזט דו?

— דיין דאקטאר, וואס וויל דיך קורירען מיט גאטעס הילף! און יעצט פרינצעסין, ווערסטו דו אזוי פריינדליך זיין פערזוכען א ביסעל בוליאן אום צו שטארקען דיינע קרעפטען.

די פרינצעסין וועלכע איז נאך קראפטלאז געוועזען, האט נישט געקענט אליין דעם לעפעל געמען צום מויל, אבער מיט פערגניגען האט זי געזופט פון לעפעל וועלכען רבי גרשם האט מיט זיין האנד צו איהר מויל צוגעטראגען און נאך דעם איז זי ווידער אנשלאפען געווארען.

אויך רבי גרשם וועלכער איז זעהר מיעד געוועזען האט זיך א ביסעל צוגעשפארט, נאך דעם ווי ער האט געשטעלט איינעם פון די הויף-דינער ער זאל וואכען איבער די קראנקע פרינצעסין, פיליַיכט וועט זי עטוואס פערלאנגען.

אויף צומארגענס איז געקומען די מוטער פון די קראנקע פרינצעסין, דעם קייזער קאנסטאנטין'ס פרוי, בעזוכען די קראנקע. ווי גרויס איז געוועזען די פרייד פון די קייזערין אלס זי האט געזעהן דאס איהר טאכטער וועלכע האט זי אין די לאנגע וואכען פון איהר קראנקהייט נישט ערקענט, האט זיך יעצט צו איהר אנגערופען:

„אך! מוטער, מוטער! בין איך דען אזוי קראנק געוועזען אז מען האט מיך געהאלטען פיר פערלארען?"

א שטראם טרעהרען איז ארויס פון די קייזערין'ס אויגען און זי האט פון פרייד נישט געקענט רעדען. רבי גרשם האט איהר געבעטען אז זי זאל ארויסגעהן פון צימער און זאל גארנישט רעדען מיט די קראנקע כדי איהרע נאך שוואכע נערווען זאלען נישט ווערען ערשיטערט דאן קען זי חלילה צוריקפאלען אין איהר קראנקהייט.

דער צושטאנד פון דער פּרינצעסין טהעאדארא האט זיך געבעסערט פון טאג צו טאג, דאך האט רבי גרשם קיין מענשען צו איהר נישט צוגעלאזען, ווייל ער האט מורא געהאט, אז די קלענסטע אויפרעגונג זאל איהר נישט שאדען, און ווען ביידע קיסרים באזיל און קאנסטאנטין, דער פאטער פון דער פּרינצעסין, זענען געקומען די קראנקע צו בעזוכען, האט ער גענוג מוטה געהאט זיי צו איהר אין צימער נישט אריינלאזען.

אכט טעג נאך אנאנד האט ער פון איהר בעט נישט אבגעטרעטען און האט פערשידענע מיטלען אנגעווענדעט. אין די אכט מעת־לעת האט ער קיין איינציגע מינוט נישט גערוהט, אבער דער געדאנקען, אז ער קומט אלץ נעהנטער צום ציעל, האט איהם געשטארקט און אויף די פיס געהאלטען.

אין די אכט טעג זענען געשטאנען גרייט קייזערליכע שטאפעטען צו ר' גרשם'ס בעפעהלען, צו ברענגען פערשידענע זאכען אזוי לעבעדיגע חיות און געוויקסע, פון וועלכע ר' גרשם א־יין האט געמאכט עסענס און רעצעפּטען פיר די פּרינצעסין. אכט טעג האט די פּרינצעסין געשוועבט צווישען טויט און לעבען, דען אין דער צייט פון איהר קראנק זענען איהרע קרעפטען שטארק אבגעשוואכט געווארען און מען האט שוין נישט געגלויבט דאס זי וועט לעבען. אויפ'ן נייאנטען טאג האט רבי גרשם מודיע געווען די קייזערליכע פאמיליע אז די פּרינצעסין איז שוין ארויס פון געפאהר, און מען בדרויך שוין נישט מורא האבען אז די פּרינצעסין זאל שטארבען. יעצט האט ער שוין ערלויבט די קראנקע עסען פון געוועהנליכען קייזערליכען טיש און טרינקען וויין וועלכען זי וועט וועלען, אבער נישט פיעל מיט א מאל נאר צו ביסלעך. און צו דיעזען צוועק, מורא האבענדיג אז זי זאל נישט, דורך דעם אפעטיט וואס זי האט בעקומען נאך די קרענק, איבערהאפּען די מאס ביי'ם עסען אדער טרינקען, פלעגט רבי גרשם אליין אכטונג געבען אז די פּרינצעסין זאל עסען און טרינקען אלעס נור מיט א מאס לויט ווי ער האט פערשטאנען, און מעהר האט ער נישט געלאזט איהר געבען.

אז עס איז אריבער נאך אכט טאג, און רבי גרשם האט איינגעזעהן דאס יעדע געפאהר איז פערשוואונדען, האט ער איהר ערלויבט אויפצושטעהן און אין דעם גרויסען קייזערליכען פארק א פאר שעה אין טאג צו פערברענגען.

דארטען האבען איהר דער קייזער באזיל און איהרע עלטערן בעגעגענט, און ווי גרויס איז זייער פרייד און זייער איבערראשונג געוועזען, ווען זיי האבען זייער ליעב־לינג פרישׂ און געזונד, ווי זי איז פריהער געווען, געפונען.

נאך עטליכע טעג איז רבי גרשם אין קייזערליכען פאלאץ פערבליבען, דאן האט ער דעם קייזער געלאזט מעלדען, דאס די פּרינצעסין איז שוין פאלשטענדיג געזונד און זי דארף שוין מעהר קיין דאקטאר נישט. אויף דיעזער מעלדונג, האט איהם איינער פון די קאמערהערען געבראכט דעם קייזערליכען בעפעהל, פאר דעם קייזער צו ערשיינען.

— עס איז דיר געלונגען, מיין פריינד, די פּרינצעסין אויסצוקורירען, — האט דער קייזער צו איהם געזאגט. ווען ער איז צו איהם אין קאבינעט אריינגע־קומען, — די פּרינצעסין איז פאלשטענדיג געזונד און מונטער. מיר וועלען עס דיר קיינמאל נישט פערגעסען, און שוין יעצט וועל איך דיר פאר דיין מיהע בעלוינען

איך האָב פאַר דיר פּופציג טויזענד דוקאַטען בּעַשטימט, און היינט נאָך וועסט די דאָס געלד בּעקומען.

— דיין חסד איז זעהר גרויס, מיין ערהאַבּענער קייזער, — האָט רבּי גרשם געענטפערט, — אָבּער דו מוזט מיר מוחל זיין; איך קען דאָס געלד נישט נעהמען.

— ווי?... איז דיר מיין בּעלאָהנונג נישט געפעלען?

— אח! ניין, מאַיעסטעט!... דער שכר איז זעהר גרויס, אָבּער איך וויל וואָס אַנדערש!

— וואָס איינענטליך! רייד!

— דאָס גליק פון מיינע אָרעמע אידישע בּרידער, מאַיעסטעט! דיין בּעפעהל, דאָס זיי מוזען דאָס לאַנד פערלאָזען, הענגט ווי אַ שאַרפע שווערד איבּער זייער־האַלז. מיט וואָס האָבּען דאָס מיינע אָרעמע בּרידער פערזינדיגט, דאָס זיי מוזען זייער פאַטערלאַנד פערלאָזען, אַ לאַנד, וואו זיי זענען געבּוירען, וועלכע זיי ליעבּען ווי זייער אייגענע מוטער און מיט וועלכע זיי זענען צוזאַמענגעוואַקסען?... איך ווייס, מיין גוטער און ערהאַבּענער קייזער, דאָס אַזאַ גרויזאַמקייט שטאַמט נישט פון דיין האַרצען, דען דיין האַרץ פיהלט איידעלער און מענשליכער צו דיינע אונטערטהאַנען; דו האָסט זיך נור געלאָזט בּלענדען פון אַנדערע, וואָס האַסען אונז אידען אויס פאַנאַטיזמוס, אָדער וואָס זענען אונז מקנא, אין גרונד האַרצען טהוט דיר וועה מוי־וענדע פון דיינע עהרליכע און אונשולדיגע אונטערטהאַנען גאָר אומזיסט און אום נישט אומגליקליך צו מאַכען, אָבּער נאָך איז דאָס אונגליק נישט געשעהן, דו האָסט נאָך צייט חרטה צו האָבּען, דו קענסט נאָך דיין בּעפעהל צוריק רופען, און דאָס זעט זיין דער בּעסטער לוין, מיט וועלכען דו וועסט מיר פאַר מיין מיהע בּעצאָהלען.

דער קייזער האָט זיך אויף אַ ווייל פערטראַכט אונד האָט דאַן געפרעגט:

— און ווען איך וועל מיין בּעפעהל צוריק רופען, וועסט דו פון מיר וואָס אַנדערש פערלאַנגען?

— ניין, גאָר נישט מיין גוטער קייזער!

— אָבּער פון דיינע אידישע בּרידער וועסט געוויס פערלאַנגען אַ גרויסע סומע געלד פאַר די טובה, וואָס דו האָסט זיי געטהון?

— איך שווער דיר בּיי מיין גאָט און בּיי מיין הייליגען גלויבּען, אַז איך וועל פון זיי אַפילו קיין פּרוטה נישט נעהמען, ווען זיי זאָלען אַפילו וועלען מיר מיט געלד בּעצאָהלען. גאָט איז מיין עדות, אַז איך טהו דאָס נישט פאַר געלד; איך טהו דאָס נור אויס רייגער מענשען־ליעבּע!

— דו בּיזט אַ בּראַווער מאַן, רבּי גרשם, און היינט נאָך וועל איך מיין בּעפעהל צוריק נעהמען. דו מוזט אָבּער וויסען, אַז דורך דעם וועל איך אַ גרויסען שאָדען האָבּען. איך בּין ענטשלאָסען געוועזען די אידישע גיטער, נאָך דעם ווי די אידען וועלען דאָס לאַנד פערלאָזען, מיט אַ קליינעם פּרייז אָבּצוקויפען און מיט ריוח ווידער צו פערקויפען, ווייל איך דאַרף האָבּען געלד צו דעם קריעג מיט די בּולגאַרען...

— אָה, מיין גוטער קייזער, — האָט איהם רבּי גרשם איבּערגעשריאָען, —

זיענען געלד וואלסט דו נישט וואָרגען... מײַנע אידישע ברידער", אויס דאנקבאַרקײַט צו דיר, וועלען דיר דאָס לעצטע וואָס זיי באַזיצען, אוועק געבען, אום דיר אין דעם קריעג מיט די בולגאַרען אונטערצושטיצען.

— ניין, איך קען פון די אידען קיין געלד נישט אָננעהמען!.., דער מיניסטער־פּרעזידענט און די פּריעסטער וועלען דאן זאגען, אז איך האָב מיך צו זיי פאַר געלד פערקויפט, אָבער די פופציג טויזענד דוקאַטען, וועלכע איך האָב פאר דיר בעשטימט...

— שענק איך פאר דיין קריעגס־קאַסע, קייזערליכע מאַיעסטעט! — האָט איהם רבי גרשם ווידער איבערשלאָגען.

איבערגליקליך איז רבי גרשם פון קייזערליכען פאַלאַץ אוועקגעגאַנגען און האָט גאָט געדאַנקט, דאָס ער האָט איהם אויף דעם רעכטען וועג געפיהרט.

נאָך אין דעם זעלבינען טאָג האָט קייזער באַזיל אין זיין גאַנצער מדינה געגעבען צו וויסען, דאָס זיין בעפעהל וועגען די אידען, איז בטל ומבוטל. די אידען מעגען בלייבען וואָהנען אין גאַנץ גריכענלאַנד און געניסען אלע רעכטע מיט אַנדערע בירגער צוגלייך.

אך! וואָס פיר דאנק־געפיהלען האָבען די יודען געפיהלט צו זייער רעטער אין נויט! און איינשטימיג האָבען זיי בעשלאָסען צו בעעהרען רבי גרשם מיט א שעהנע געלד־מתנה אלס זיי האָבען געהערט דאָס נאָר צוליעב זיי האָט ער זיך אָבגעזאָגט צו נעמען ביי'ם קייזער פונפציג־טויזענד דוקאַטען; אָבער רבי גרשם אלס עדלער מענש און געדענקענדיג די שבועה וועלכע ער האָט געשוואָרען דעם קייזער, האָט נישט געוואָלט נעמען ביי זיי קיין איין פּרוטה.

אין אלע ערטער וואו עס איז אָנגעקומען דעם קייזער'ס בעפעהל האָבען די יודען געמאַכט א יום־טוב און מען האָט געדאַנקט גאָט וואָס אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיי געשיקט די ישועה דורך רבי גרשם וועלכען'ס נאָמען איז איצט געוואָרען געאַכטעט אזוי ווי מרדכי הצדיק אין די צייט פון אחשורוש, און זיי האָבען ר' גרשם'ן גערופען „מושיע ישראל" (דער העלפער פון די יודען).

אָבער דער כעס פון דעם מיניסטער יאָהאַן האָט געברענט אין זיין הארצען ווי א העליש'ער פייער. ער האָט איינגעזעהן, אז זיין גאַנצער פּלאַן איז דורך רבי גרשם פערלאָרען געגאַנגען און דאָס האָט איהם זעהר געקרענקט.

— איך האָב די מלחמה פערלוירען, — האָט ער מיט די צייהן קריצענדיג אויסגערופען אָבער ער, דער רבי גרשם, זאָל מיר דערפאַר טהייער בעצאָהלען!... איך וועל איהם פערניכטען!... לאָם איך נאָר דערצו די ריכטיגע געלעגענהייט קריגען!

---

זעקסטעס קאַפּיטעל.

## שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ'ס שְׁטוּהל.

ווען רבי גרשם איז פון קייזערליכען פאַלאַץ צוריק אהיים געקומען, זענען זיינע בײַדע פרויען, דבורה און מעליטטא, אַרויסגעקומען איהם מקבל פנים צו זיין,

בײַדע האָבען שוין געוואוסט, וואָס עס האָט מיט איהם אין פּאַלאַץ געטראָפען.

— געלויבט איז גאָט, — האָט די פרומע דבורה אונטער אַ שטראָם פרייד־טרערען אויסגערופען און האָט איהם מיט בײַדע אָרעמס אַרומגענומען, — דאָס ער האָט די ביטערע גזרה מבטל געווען, און נאָך אַמאָל זאָל ער זײַן געלויבט, דאָס ער האָט דיך אויסגעקליבען פאַר זײַן מלאך־מושיע, אום זײַן אָרעמעס פאָלק פון אונטערגאַנג צו רעטען!

נור מעליטטאַ האָט קײַן וואָרטער נישט געהאַט. שטיל און טרויעריג איז זי פאַר איהר מאַן געשטאַנען און האָט איהם מיט קײַן וואָרט נישט בעגריסט.

זי איז אין כעס געווען אויף איהר מאַן, דאָס ער האָט פון קייזער די פּופּציג טויזענד דוקאַטען, מיט וועלכע ער האָט איהם געוואָלט בעלוינען, נישט געוואָלט אָננעהמען.

— פופציג טויזענד דוקאַטען!... עפּיס אַ קלײַניגקײַט?... — האָט זי בײַ זיך געטראַכט, — וויפיעל שעהנע קלײדער און וועלכע טהײַערע שמוק־זאַכען קען מען פאַר אַזאַ סומע קויפען!!... וואָס וואָלט מיך געקימערט, ווען מען וואָלט די אידעלאַך אַרויסגעטריבען?... איך וואָלט דאָ געקענט בלײַבען און האָב געקענט לעבען אַ גוטען טאָג!

— נו? און דו מעליטטאַ? — האָט זיך רבי גרשם צו איהר אָבגערופען, — דו האָסט מיר גאָרנישט צו זאָגען?... פרעהסט דו דען זיך גאָר נישט, דאָס אונזער גוטער גאָט האָט אונז דורך מיר די ישועה געשיקט?

— געוויס פרעהט עס מיר! — האָט זי האַסטיג געענטפערט, — אָבער עס קרענקט מיר, דאָס דער קאַרגער קייזער האָט דיר דאָס געלד נישט געגעבען... עס וואָלט אונז צונוץ געקומען.

— זײַ רוהיג, מײַן קינד!... אונז וועט גאָרנישט פעהלען... דיר איבערהויפּט נישט!... דו ווייסט דאָך, אַז פון דײַנעטוועגען זשאַלעווע איך גאָר נישט!

מעליטטאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, אָבער אין איהר האַרצען האָט געברענט אַ פײַער פון כעס אויף איהר „נאַרישען“ מאַן, וואָס האָט זיך פון אַזאַ אוצר געלד אָנגזאָגט.

טאָג טעגליך פלעגט רבי גרשם די פּרינצעסין טהעאָדאָראַ בעזוכען און פלעגט איהר ברענגען פערשיעדענע מיטלען, אום זי נאָך מעהר צו קרעפטיגען.

איינמאָל, ווען ער איז צו דער פּרינצעסין אין צימער אַרײַנגעקומען, האָט ער בײַ איהר דעם קייזער באַזיל געטראָפען.

דער קייזער האָט איהם זעהר פרײַנדליך בעגריסט און האָט איהם געפרעגט:

— זאָג מיר, רבי, האָסט דו דעם אידישען תלמוד געלערנט.

— געוויס, מאַיעסטעט! — האָט רבי גרשם געענטפערט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערק דער תלמוד?

— דאָס איז אַ ווערק, וואָס ענטהאַלט אין זיך יענעם טהייל פון אונזער תורה, וואָס איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון איינעם צום צווייטען בעל פּה.

— איך פערשטעה עס נישט; ווילסט דו נישט מיר דאָס דײַטליכער ערקלערען?

— זעהר גערן. מיין ערהאבענער קייזער!... ווען משה רבינו איז געקומען אויף דעם בארג סיני, האט איהם דער רבונו של עולם איבערגעגעבען די תורה געשריבען אין א בוך, אבער אין דעם בוך זענען נאר געווען די עקרים פון אונזער אמונה. דעם פירוש אויף זיי האט איהם גאט מיט ווערטער איבערגעגעבען. פאר זיין טויט, האט משה רבינו די פירושים אויף דער תורה צו זיין נאכפאלגער יהושע איבערגעגעבען, און אזוי איז עס געגאנגען פון איינעם צום צווייטען, ביז נאך דעם צווייטען חורבן. פאר מורא, דאס די תורה זאל נישט פערגעסען ווערען, האבען אונזערע געלעהרטע דאס אלעס אויפגעשריבען און אויף דעם אופן האט זיך אויסגעבילדעט אונזער גרויסער תלמוד. אבער נישט נור דינים און מצוות אליין ענטהאלט אונזער תלמוד אין זיך, ער איז אויך איין אוצר פון פערשידענע חכמות אונד וויסענשאפטען.

— געפינט זיך עפיס וואס אין אייער תלמוד איבער שלמה המלך שטוהל?

— דער תלמוד דערצעהלט אונז פון איהם גארנישט; אבער א בעשרייבונג פון דיעזען וואונדערבארען שטוהל געפינען מיר אין אנדערע ספרים, וואס זענען אזוי וויכטיג ווי דער תלמוד.

— קענסט דו מיר געבען א קלארע ידיעה פון דעם שטוהל?

— געוויס, מיין גוטער קייזער!

— איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען, ווי אזוי דיעזער שטוהל איז געבויט געווארען.

— דעם וואונדערבארען שטוהל, וואס איז געוויס דער איינציגער אין זיין ארט, האט געבויט א געוויסער חירם פון צור, א בעריהמטער קינסטלער אין גאלד־ארבייט אין די צייטען פון שלמה המלך. דער גאנצער שטוהל איז געבויט געווארען פון ריינעם גאלד, וואס איז געבראכט געווארען אויף שיפען פון דעם לאנד אופיר. דער קינסטלער האט איהם צוזאמענגעזעצט פון גאלדענע בלומען און אויסגעפוצט מיט די טהייערסטע בריליאנטען און רובינען. דער פונדאמענט האט פארגעשטעלט א רייהע פון צוועלף גאלדענע לייבען, וואס זענען געשטאנען נעגען א רייהע פון צוועלף גאלדענע אדלערס, אויף דיעזע צוויי רייהען פון לייבען און אדלערס האט גערוהט דער שטוהל, וואס האט געהאט זעקס טרעפ. אויף דעם ערשטען טרעפ זענען געשטאנען א גאלדענער אקס און א גאלדענער לייב, אויף דעם צווייטען — א וואלף מיט זעקס שעפסען, אויף דעם דריטען — א לעמפעל מיט א קעמעל, אויף דעם פיערטען — איין אדלער מיט א פאווע, אויף דעם פינפטען — א קאטץ מיט א האהן און אויף דעם זעקסטען — א טויב מיט א שפארבער, אלעס פון ריינעם גאלד געמאכט. גאר אויבען אויף דעם שטוהל, האט מען געזעהן א גאלדענע טויב, וואס האט געהאלטען א גאלדענעם שפארבער אין איהר מויל, איבער זיי איז געשטאנען א גאלדענע מנורה מיט זיבען רעהרען, אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט געווען די נעמען פון די אבות און פון די נביאים, וואס האבען געלעבט פאר שלמה המלך. ווען שלמה פלעגט ארויפטרעטען אויף דעם ערשטען טרעפ, פלעגען אויפשטעהן דער אקס און דער לייב און פלעגען אנהויבען צו ברומען, מיט זיי פלעגען מיטברומען אלע גאלדענע חיות און עופות, ביז דער קעניג פלעגט זיך אוועקזעצען אויף דעם שטוהל, דאן פלעגט איהם דער גאלדענער אדלער פון פיערטען טרעפ אנטהון די קרוין און פלעגט

אַזוי לאַנג אַרומלויפֿען אַרום זײַן קאָפּ, ביז שלמה פּלעגט ווידער פֿון שטוהל אַרונטערגעהן.

— וואונדער איבער וואונדער! — האָט קייזער באַזיל מיט בעגייסטערונג אויסגערופֿען, ווי קען דאָס מעגליך זײַן, אַז אַ מענשליכע האַנד זאָל אַזאַ וואונדער שאַפֿען. נישט אַנדערש נאָר אַז די גײַסטער און די פֿערבאָרגענע נאַטור־קרעפֿטען איבער וועלכע שלמה המלך האָט געהאַט צו שאַפֿען האָבען איהם דערצו צוגעהאָלפֿען.

— נײַן, מײַן הערר קייזער! — האָט רבי גרשם געענטפֿערט — נאָר דאָס אַלעס איז געמאַכט געוואָרען נאָך די געזעטצע פֿון מעכאַניזמוס. מײַן ערהאַבענער קייזער! אינוועניג האָט דער שטוהל אין זיך געהאַט אַ גאַנצע מאַסע רעדלאַך און שפּרינגפֿעדערן, וואָס זענען צווישען זיך פֿערבונדען געוועזען. ווען דער קעניג פּלעגט דעם שטוהל מיט זײַן פֿוס בעריהרען, זענען די רעדלאַך געקומען אין בעוועגונג און האָבען געמאַכט די גאָלדענע חיות און עופֿות ברומען, זינגען, געהן און פֿליהען.

— און דו, רבי, וואָלסט קענען מאַכען אַזאַ שטוהל?

— איך גלויב, אַז מיט גאָטעס הילף, וואָלט איך דאָס אויך געקענט!

— אַח! ווען דו וואָלסט מיר אַזאַ וואונדער געשאַפֿען, וואָלט איך דיך רײַך און גליקליך געמאַכט!

— קענען וואָלט איך שוין געקענט, מײַן ערהאַבענער קייזער, אָבער עס בלײַבט נור די פֿראַגע: צי האָסט דו אַזוי פֿיעל גאָלד?

— דו ביזט גערעכט!... אפשר קען מען איהם מאַכען פֿון זילבער?

— אויך פֿון זילבער קען מען אַזאַ שטוהל מאַכען!

— ווילסט דו דאָס אונטערנעהמען?

— געוויס, אָבער איך קען פֿאַר מײַנע מיטאַרבײַטער נישט ערב זײַן. עס קען זײַן, אַז איינער פֿון די אַרבײַטער וועט עפּיס גנב'נען פֿון דעם זילבער, און די שולד וועט פֿאַלען אויף מיר.

— האָב קײַן מורא נישט!... איך וועל דיר נישט חושד זײַן... איך וועל דיר הייסען אַרויסגעבען זילבער פֿון מײַן שאַטצקאַמער וויפֿיעל דו דאַרפֿסט, און דו וועסט זיך באַלד נעהמען צו דער אַרבײַט!

אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך רבי גרשם גענומען צו דער אַרבײַט. פֿון קייזערליכען שאַטצקאַמער, האָט איהם דער קייזערליכער שאַטצמייסטער אַרויסגעגעבען גרויסע מאַסען זילבער, און דער קייזער האָט איהם פֿערזאָרגט מיט אַ גרויסע צאָהל מיטאַרבײַטער.

טאָג און נאַכט האָט רבי גרשם נישט אויפֿגעהערט צו אַרבײַטען. און האָט שוין אַזוי ווײַט געבראַכט, דאָס דער קייזער באַזיל, ווען ער איז צו רבי גרשם אין ווערקשטאַט געקומען, איז שוין גאָר נישט מסופּק געווען, אַז דער זילבערנער פּהראָן וועט זײַן אַזאַ מייסטערווערק ווי דער שטוהל פֿון שלמה המלך. אויך די גרויסע בעאַמטע, וואָס זענען מיט דעם קייזער צו רבי גרשם'ן געקומען, האָבען זיך געוואונדערט און האָבען געמוזט צוגעבען, אַז רבי גרשם איז דער איינציגער און גרעסטער מייסטער אין מעטאַלען־שמעלצען און זיי צו בעאַרבײַטען.

די פֿרייד פֿון דעם קייזער באַזיל איז גאָר נישט צו בעשרײַבען. ער האָט אײַך

פארנעשטעלט דעם ערהאבענעם מאמענט, ווען ער וועט זיך זעטצען אויף א טראָן, וואס האט נישט זיין גלייכען אין דער גאנצער וועלט, און האט בעשלאסען צו מאכען א גרויסען פעסט און איינצולאדען אלע מלכים און הערשער פון די בענאכבארטע לענדער צו דיזען פעסט.

און דאך איז ר׳ גרשם ביי דער ארבייט א גרויסען פעהלער בעגאנגען. ער איז אין דער ארבייט אזוי שטארק פערטיעפט געוועזען, דאס ער האט זיך גאר ניט ארומגעזעהן ווי מעהרערע פון זיינע ארבייטער האבען טאג טעגליך עמיקער צוליבער צו זיך אהיים אוועקגעטראגען, דארטען פלעגען זיי עס צושמעלצען און פערקויפען צו די גאלדשמידען אין שטאדט.

שטענדיג, ווען דער קייזער באזיל פלעגט צו איהם אין זיין ווערקשטאט קומען, פלעגט דער קייזער מיט איהם אנקניפען א געשפרעך איבער פערשידענע ענינים, און דער קייזער האט זיך געמוזט וואונדערן, ווען ער האט געהערט מיט וועלכען זיכערהייט און מיט וועלכער טיעפער וויסענשאפט רבי גרשם אורטהיילט איבער פאליטיק און אנדערע וויסענשאפטען. דער קייזער איז פון זיין געלעהרזאמקייט און פון זיין געזונדטען פערשטאנד אזוי ווייט איבערצייגט געווארען, דאס ער האט ביי איהם אין כמה וכמה ענינים איין עצה געפרעגט און האט שטענדיג געטהון, ווי ער האט איהם געהייסען.

דאס אלעס האט דעם אנטיסעמיט יאהאן טיעף געקרענקט, און נאך מעהר האט איהם פערדראסען, דאס ער האט פאר דעם רבי גרשם געמוזט מורא האבען, זעהענדיג, דאס ער איז ביי דעם קייזער זעהר געאכטעט, פיעל מעהר אלס ער אליין. זיי האט איהם נביאות געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען רבי גרשם וועט ביי דעם קייזער זיין הויכע שטעלע פערטרעטען, און פאר יענער צייט האט ער געציטערט ווי פאר דעם טויט.

עס איז פאר איהם קיין אנדער מיטעל נישט געבליעבען ווי גאר מיטלען או זוכען צו זוכען, ווי דעם פערהאסטען אידען שנעל ווי מעגליך צו פערניכטען.

---

זיבענטעס קאפיטעל.

# די אונטריייע וייב.

דער שטוהל איז פארטיג געווארען און רבי גרשם האט דעם קייזער געמעלדעט דאס ער קען איהם נעהמען צו זיך אין זיין פאלאץ.

ערשט יעצט האט דער קייזער איינגעזעהן, אז זיין טהראן-זאל איז פאר דעם שטוהל צו קליין, און דארום האט ער געגעבען א בעפעהל זיין טהראן-זאל איבערצובויען און צו פערגרעסערען.

און אלס די אלע הכנות זענען פארטיג געווארען, האט מען אונטער רבי גרשם׳ס אויפזיכט דעם טהראן אין קייזערליכען פאלאץ איבער-געפיהרט.

דער קייזער האָט אַלע זיינע מיניסטאָרען און אַלע גרויסע בעאַמטע פון זיין לאַנד געלאָזען צוזאַמען־רופען, אום זיי דאָס גרויסע וואונדער צו ווייזען.

אַלע זענען געשטאַנען אין דעם גרויסען טהראָן־זאַל און האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען די צערעמאָניע וועט זיך אָנפאַנגען.

איין אויסרוף פון איבערראַשונג און שרעק האָבען אַלע פון זיך אַרויסגעשטויסען, ווען רבי גרשם האָט דעם פאָרהאַנג געלאָזט אויפהויבען און זיי האָבען דעם וואונדערבאָרן, גלענצענדען טהראָן דערזעהן.

אַלע חיות, בהמות און עופות, וואָס זענען פון ריינעם זילבער געמאַכט געוועזען, האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי זיי לעבען און אָטהעמען, און פון זייערע בריליאַנטענע אויגען האָבען זיך איבער דעם גרויסען זאַל טויזענדע שטראַהלען צעגאָסען.

אין נאָך־דעם ווי רבי גרשם האָט פאַר דער גאַנצער פערזאַמלונג דעם מעכאַניזמוס פון אַלע אָרגאַנען, רעדלעך און שפּרינגפעדערן פון דעם שטוהל ערקלערט, האָט איהם דער קייזער געפרעגט:

— זאָג מיר, רבי, איז דאָס ריכטיג, דאָס די טויב האַלט דעם שפּאַרבער אין איהר מויל? אין לעבען איז דאָך דאָס פערקעהרט!

— דאָס בעווייזט נאָר די השגחה פון גאָט, מיין ערהאַבענער קייזער, — האָט איהם רבי גרשם געענטפערט, — דורך גאָטס השגחה קען דער שוואַכער דעם שטאַרקען בעזיעגען. ווען נישט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט... אָבער יעצט, זיי אַזוי גוט, און געה אַרויף אויף דעם טהראָן!

קוים האָט קייזער באַזיל זיין פוס אויף דעם ערשטען טרעפּ אַרויפגעשטעלט, איז דער זילבערנער אָקס פון זיין פּלאַץ אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבען שרעקליך צו ברומען, אויך דער זילבערנער אָדלער האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען מיט די פליגלען און צו פּיהען.

דער קייזער האָט זיך דערשראָקען און איז פון שטוהל צוריק אַראָבגעגאַנגען.

— געה דו פריהער אַרויף, רבי, — האָט דער קייזער אויסגערופען, — איך וויל זעהן, אויב עס וועט דיר וואָס פּאַסירען.

אין זאַל איז שטיל געוועזען ווי אין אַ קבר און אַלע אויגען פון די פערזאַמעלטע זענען מיט דער גרעסטער ערוואַרטונג געריכטעט געווען אויף רבי גרשם, וואָס איז זיך גאַנץ רוהיג און מיט אַ שמייכעלע אויף זיינע ליפּען צוגעגאַנגען צום שטוהל.

ער איז אַרויף פון איין טרעפּ אויף דעם צווייטען, די זילבערנע חיות און עופות זענען אויפגעשטאַנען, געשריגען און געברומט, אָבער ער איז אַלץ ווייטער געגאַנגען.

ווען ער איז שוין געווען אויף דעם פיערטען טרעפּ, האָט איהם דער זילבערנער אָדלער די קייזערליכע קרוין אויף זיין קאָפּ אָנגעטהון.

די פערזאַמעלטע, וואָס זענען ביז יעצט ווי פערגליווערטע געשטאַנען, האָבען יעצט מיט איין מאָל לעבען בעקומען און האָבען אין ווילדע אַפּלאָדיסמענטען אויסגעבראָכען.

נאָך־דעם ווי רבי גרשם איז פון טהראָן אַרונטערגעגאַנגען, האָט שוין דער קייזער באַזיל קיין מורא געהאַט דעם טהראָן צו בעשטייגען, און אויך יעצט האָט זיך די

זעלבינגע סצענע ווידערהאָלט ווי מיט רבי גרשם. די פרייד פון דעם איבערגליקליכען קיזער איז גאָר נישט צו בעשרייבען. אַלס ער איז פון טהראָן אַרונטערגעגאַנגען, האָט ער רבי גרשם אומגעאַרעמט און געקושט דאַן איהם דערלאַנגענדיג זיין בריליאַנטענעם רינג, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— יעצט, מיין פריינד, ווייס איך נאָך נישט מיט וואָס דיר צו בעלוינען, שפּעטער וועל איך דאָס שוין אויסגעפינען, דערווייל נעהם דיזען רינג. ער וועט דיר דינען אַלס שוטץ געגען יעדען פיינד, וואָס וועט זוכען דיר שלעכטעס צו טהון, ווען דו וועסט זיין אין אַ נויטה, דאַרפסט דו נור צו מיר קומען און מיר דעם רינג וויזען, דאַן וועל איך שוין וויסען ווי דיר צו־שעטצען!

רבי גרשם האָט דעם קיזער בעדאַנקט און איז אוועק צו זיך אַהיים.

דער אַנטיסעמיטישער מיניסטער יאָהאַן, וואָס איז אויך ביי דעם צערעמאָניאַל געוועזען, האָט דאָס אַלעס מיט גרויס קנאה און מיט גרויס הארצוועהטאָג צוגעזעהן. ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז פון יעצט אָן, איז שוין זיין שטערן אונטערגעגאַנגען און רבי גרשם'ס שטערן שטייגט אַלץ העכער און העכער.

צו זיין פרייד אָבער, איז אין איהם יעצט געבוירען געוואָרען אַ נייער פּלאַן, ווי זיין בלוט־פיינד צו פערניכטען און האָט זיך באַלד גענומען דיזען פּלאַן אויסצופיהרען.

גלייך ווי ער איז צו זיך אַהיים געקומען, האָט ער צו זיך זיין פּלימעניק מיכאַיל געלאָזט רופען און האָט איהם געפרעגט:

— ווי שטעהט עס מיט דיין ליעבע צו דער יודישער מיידעל, מיכאַיל?

— פון יענעם טאָג אָן, — האָט מיכאַיל געענטפערט, — אין וועלכען דו האָסט מיך פערבאָטען מיט איהר צו פערקעהרען, האָב איך זי מעהר נישט געזעהן.

— און וואָס איז פון איהר געוואָרען?

— איך ווייס עס נישט, ליעבער פעטער.

— אַלזאָ וועל איך עס דיר זאָגען. איהר פאָטער איז געשטאָרבען אין דעם טאָג, ווען די גרויסע שרפה האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויסגעבראָכען, אָבער מיט אַ קורצע צייט פריהער, האָט די שעהנע מעליטטאַ מיט דעם בעריהמטען רבי גרשם חתונה געהאַט.

— אָבער צו וואָס דערצעהלסט דו דאָס מיר, פעטער?

— צוליעב אַ וויכטיגען פּלאַן, וועלכען איך וויל יעצט אויספיהרען און ביי וועלכען דו וועסט מוזען מיטווירקען. ווילסט דו מיר ביישטעהן?

— מיט לייב און לעבען!

— אַלזאָ, זיי וויסען, דאָס איך שטעה אין בעגריף מיין הויכע שטעלע צו פערלירען?

— גאָט אין הימעל, — האָט מיכאַיל מיט שרעק אויסגערופען, — ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?

— עס איז ליידער דאָך אַזוי. דער פערפלוכטער איד רבי גרשם האָט אויף מיין פּאָסטען זיין אויג געוואָרפען, און ווי מיר שיינט, איז איהם שוין געלונגען די שטעלע צו בעקומען. ווען ער זאָל מיר נישט שטעהן אין וועג, וואָלט איך נאָך געקענט בלייבען ביי מיין ראַנג און שטעלע, אָבער

ער האָט זיך בײַ דעם קײסער אײַנגעשמײכעלט אונד איז זעהר חשוב געוואָרען.

— וואָס זשע זאָל איך דערבײַ טהון, ליעבער פּעטער? זאָל איך דינגען אַ מאָרדער, וואָס זאָלען איהם פאַר אַ געוויסען פּרײַז אומברענגען?

— נײן, מײַן זוהן, גישט דאָס איז דער ריכטיגער וועג, אַ פײַנד צו בעזײַטיגען. עס קען אַמאָל נישט געלינגען און די שולד וועט אויף אונז פאַלען. דאָ מוז געהאַנדעלט ווערען מיט שׂכל, אום דעם פערהאַסטען אידען אין אַזאַ נעטץ אַרײַנצוקריגען, פון וועלכען ער זאָל זיך נישט קענען אַרויסראַטעווען... פיליײַכט קענסט דו די ליעבע מיט די שעהנע מעליטטאַ ווידער אָנקניפּען? עס קען מעגליך זײַן, אַז אום ליעבע צו דיר, וועט זי דיר ענטדעקען געוויסע סודות, דורך וועלכע מיר וועלען איהם קענען פערניכטען... דו דאַרפסט זי גאָר בעזוכען און איהר אַלטע ליעבע צו דיר וועט ווידער אין איהר הארצען אויפוואַכען.

— אָבער זי איז געוויס בײז אויף מיר, ליעבער פּעטער... איך האָב איהר פון יענעם טאָג אָן מעהר נישט בעזוכט.

— אַה, דו ביזט גאָר אַ קינד!... קענסט דו דען נישט עפּיס וואָס אויסטראַכטען, אום זיך צו רעכטפערטיגען?... דו קענסט איהר זאָגען, אַז דו ביזט געוועזען אין קריעג, און יעצט, ווען דו ביזט צוריק געקומען, איז דײַן ערשטער גאַנג צו איהר... פערקעהרט, דו דאַרפסט איהר נאָך מאַכען פאָרוואורפע, דאָס זי איז דיר אונטרײַ געוואָרען און האָט חתונה געהאַט מיט אײן אַנדערען. זאָג איהר, אַז דו ביזט נאָך יעצט אויך בערײַט מיט איהר חתונה צו האָבען, ווען זי וועט איהר מאַן פערלאָזען... מיט אײן וואָרט: זאָג איהר צו גילדענע בערג, שפּיגעל איהר פאָר אַלע גליקען פון דער וועלט און זי וועט זיך ווידער וואַרפען אויף דײַן ־־־ין. מאַך איהר פּראָזענטען וויפיעל דו ווילסט, מײַן קאַסע שטעהט דיר אָפען!

און מיכאַיל האָט נישט פערזוימט צו טהון ווי זײַן פּעטער האָט איהם געלערנט. נאָך אין דעם זעלביגען טאָג האָט ער די שעהנע מעליטטאַ בעזוכט און צו זײַן גליק האָט ער זי אײנע אַלײן אין איהר צימער געפונען.

מיט אָפענע אָרעמס האָט ער זיך צו איהר געוואָרפען, אום זי אומצואַרמען. זי איז אָבער מיט אײן אויסרוף פון שרעק פון איהם אַנטלאָפען אין אַ ווינקעל.

— מײַן העדר! — האָט זי מיט כעס אויסגערופען — צווישען אונז בײדע איז אַלעס אויס... איהר האָט פון מיר מעהר נישט געוואָלט וויסען... יעצט בין איך אַ פערהײַראַטהעטע פרוי!

— מעליטטאַ, טהײַערע, אײנציגע מעליטטאַ! — האָט ער מיט אַ ווײנענדיגע שטימע אויסגערופען, — וואָרום האָסט דו דאָס געטהון? וואָרום האָסט דו מיך אַזוי אונגליקליך געמאַכט? דו ביזט געווען מײַן אײנציגעס גליק, מײַן אײנציגע האָפנונג אויף דער וועלט... וואָס בין איך שולדיג, ווען דער קײסער האָט מיך אַוועקגעשיקט אין דער מלחמה גראַדע דאַמאָלס, ווען איך האָב דיך געוואָלט נעהמען צו זיך און מיט דיר געזעצליך חתונה האָבען? וואָרום האָסט דו אויף מיר נישט געוואַרט? זעה וואָס דו האָסט געטהון: מײַן לעבענסגליק האָסט דו צערשטערט און דו האָסט זיך מיט אַ שטוציגען אידען אויף עביג פערבונדען!

אום די ווירקונג פון זײַנע ווערטער נאָך גרעסער צו מאַכען, האָט ער זיך געזעצט מיט בײדע הענד פערדעקט אונד האָט אַ לאַנגע צײַט געווײנט.

און דער לוסט האט זיין ציעל ערריכט. זיינע רייד האבען אויף דער לייכטגלויבער מעליסטא א גרויסען איינדרוק געמאכט. אויך זי האט זיך צוויינט.

— וועה, וועה! — האט זי א נטער א שרעק הייסע טרעהרען אויסגערופען, — ווער האט דאס געקענט ווייסען אז דו ליעבסט מיך נאך, נאך דעם ווי דו האסט מיך אזוי פלוצלונג פערלאזען? ווארום האסט דו מיר קיין איינציגען בריעף נישט געשריבען? האסט דו דען קיין איינציגען פון מיינע בריעף נישט ערהאלטען?

— קיין איינציגען, געליעבטע!

— אבער יעצט איז שוין אלעס אויס!... דו מוזט אונגליקליך מיין דעיס פערלאזען.. מיין מאן קען ארייקומען, אדער דבורה...

— דבורה?... ווער איז דאס די דבורה?

— מיין מאנ'ס ערשטע פרוי.

— וואס הער איך? — האט דער באנדיט אויסגערופען, — דיין מאן האט צוויי ווייבער פונקט ווי א־ע געצען דינגע?... אה, ווי אונגליק זיך די ביזט!... אבער אין אזא אונגליק קען איך דיר נישט לאזען... עס מוז אנדערש ווערען!

— און וואס קענסט דו טהון?

— יעצט ווייס איך עס נאך נישט. איך ווייס נאר, אז דו מוזט מיין ווייב ווערען און איך וועל עס מאכען!... אבער זעה נאר, וואס פאר א פרעזענט איך האב דיר מיטגעבראכט!

ביי דיעזע ווערטער האט ער איהר דערלאנגט א גאלדענעם בראסלעט, וואס איז בעזעצט געוועזען מיט א גאנצע מאסע בריליאנטען אונד רובינען.

— נעהם עס, מיין טהייערע! — האט ער צו איהר געזאגט, — איך בעהאלט עס פאר דיר פון א וויטע לאנד!

מעליסטא איז שוין אין גאנצען בעזיעגט געווארען. דער טהייערער בראסלעט האט איהר שוין אין גאנצען אבגעקויפט. זי האט זיך אין זיינע ארעמס אריינגעווארפען און האט זיין פנים מיט הייסע קושען בעדעקט.

פון דעם טאג אן פלעגט זי מיט איהם אין פערשידענע פערבארגענע פלעצער צוזאמענקומען און קיין מענש האט דערפון גאר נישט געוואוסט.

---

אכטעס קאפיטעל.

## די בעלייהגונג.

רבי גרשם האט זיך ווידער גענומען צום לערנען און צום סטודירען, אבער ער האט זיך יעצט דערצו גענומען מיט א דאפעלטע התמדה, ווייל ער האט שוין יעצט מעהר צייט געהאט, נאך דעם ווי דער זילבערנער טהראן איז פארטיג געווארען און ער האט איהם דעם קייזער איבערגעגעבען. עס האט איהם זעהר געפרעהט, דאס ער איז פון דער גרויסער ארבייט פריי געווארען

און דאס ער קען זיך ווידער בעשעפטיגען מיט תורה און מיט אנדערע וויסענשאפטען.

ער האט זיך געפיהלט גליקליך אין זיין הויז, גליקליך מיט דעם געדאנקען, דאס ער האט זיינע אידישע ברידער געקענט העלפען פון א נויטה, און דאך האט ער דורכגעלעבט מינוטען, אין וועלכע זיין קאפ איז פול געוועזען מיט שווערע זארגען.

איין אינערליכע שטימע האט איהם געזאגט, אז הינטער זיין רוקען שטעהט א ביטערער פיינד, וואס זוכט נאר א געלעגענהייט איהם און זיינע ברידער צו שאדען. ער האט געוואוסט, אז דער אנטיסעמיט יאהאן גראבט אין שטילען פאר איהם א גרוב און וועבט א נעטץ פאר דעם גאנצען כלל ישראל פון גריכענלאנד.

אין דיעזע טרויעריגע שטונדען פלעגט ער זיך טרויסטען מיט דעם געדאנקען, דאס דער פריינדליכער קייזער באזיל וועט איהם און זיינע ברידער געוויס אין שוטץ נעהמען געגען יעדען פיינד. צו דיעזען צוועק האט ער איהם דעם רינג געגעבען. אין א נויטה דארף ער נאר צום קייזער קומען און דעם רינג ווייזען. דער קייזער האט דאס איהם אויסדריקליך געזאגט.

אין עטליכע טעג ארום, נאך דעם ווי רבי גרשם האט דעם ווילבערגעם טהראן דעם קייזער איבערגעגעבען, האט דער קייזער באזיל אלע זיינע מיניסטארען און הויכע בעאמטע צוזאמען-גערופען, אום זיך מיט זיי צו בעראטהען, מיט וואס מען זאל דעם רבי גרשם בעלוינען פאר זיין ארבייט ביי דעם וואונדערבארען ווילבערגעם טהראן און פאר זיין קורירען די פרינצעסין טהעאדארא, וועלכע ער האט פון זיכערן טויט ארויסגעראטעוועט.

— מיינע העררען! — האט דער קייזער, זיטצענדיג אויף זיין טהראן צו זיי געזאגט, — איהר ווייסט אלע צו וועלכען צוועק איך האב איך היינט צוזאמענגערופען. איהר קענט אלע דעם מאן, וואס האט מיין ברודער'ס טאכטער פון זיכערן טויט געראטעוועט, און וואס האט אויסגעבויט דעם טהראן, וועלכען איהר אלע האט בעוואונדערט. איך האב גרויס לוסט איהם צו פערגעלטען ווי ער האט עס פערדיענט. עס וואלט מיך זעהר געפרעהט, ווען איך זאל איהם אזוי קענען בעלוינען, ווי דער קעניג פרעה האט בעלוינט דעם אידען יוסף. צום אונגליק אבער איז ער א איד, און אונזערע געזעטצע ערלויבען נישט א אידען א הויכען אמט אין דער מלוכה צו געבען. ביז היינטיגען טאג האב איך מיר מיין קאפ צוברעכען טראכטענדיג און קלערענדיג, ווי אזוי דיעזען בראווען מאן צו בעלוינען, און האב צו מיין בעדויערן נארנישט געקענט אויסטראכטען. דארום, מיינע העררען, פערלאנג איך פון אייך, איהר זאלט מיר רעטהען, אבער מיט ערהליכקייט און מיט יושר, ווי עס פאסט פאר בעאמטע, וואס שטעהען נאהנט פון מיין טהראן און וואס העלפען מיר פיהרען אזא גרויסע מלוכה ווי גריכענלאנד.

דער מיניסטער יאהאן איז פון די ווערטער בלייך געווארען ווי א שטיק קרייד. ער האט עפיס וואס געוואלט ענטפערן, אבער אין דיעזען אויגענבליק איז דער מיטראפאליט פון קאנסטאנטינאפאל פון זיין שטוהל אויפגעשטאנען און האט אויסגערופען:

— מאיעסטעט! ווי דו און ווי אלע העררען, וואס זענען דא פערזאמעלט

האָב איך אויך די ייפע געלעהרזאמקייט פון רבי גרשם בעוואונדערט. דאָס, וואָס ער האָט פאר דיר און פאר דאָס גאנצע לאנד געטהון, פערדיענט דעם העכסטען לויהן, און עס וואונדערט מיר, דאָס עס פאלט דיר אזוי שווער איהם דעם ריכטיגען לוין צו געבען. ווארום זאָלסט דו איהם נישט מאכען פאר איינעם פון דיינע מיניסטאָרען און ראטהגעבער? פערשטאנד און קענטניסע האָט ער דערצו גענוג. די איינציגע מניעה איז זיין גלויבען. אָבער אזא געלעהרטער און אזא קלוגער מאן ווי ער, וועט געוויס פערשטעהן, אז די קריסטליכע אמונה שטעהט העכער פון זיין אידישען גלויבען און ער וועט געוויס צום קריסטענטהום איבערגעהן!

— דו ביזט אפשר גערעכט, היליגער פאָטער, — האָט זיך דער קייזער אָבגערופען, — עס בלייבט נאָר די פראגע, אויב רבי גרשם וועט דאָס וועלען טהון.

— אויב ער וועט דאָס נישט וועלען, וועט דאָס זיין זיין איינענע שולד!

דער קייזער האָט איינעם פון זיינע אדיוטאנטען געהייסען דעם רבי גרשם צו ברענגען, און אלס רבי גרשם איז אין טהראָן־זאל אריינגעקומען, האָט ער צו איהם געזאָגט:

— רבי! איך וויל דיר בעלויהנען ווי דו האָסט עס פערדיענט. אָבער דיין אמונה שטעהט מיר אין וועג. ווילסט דו איבערגעהן צו אונזער גלויבען, וועל איך דיך מאכען פאר מיין ערשטען מיניסטער!

א קאלטער שוידער איז דורך רבי גרשם׳ס גליעדער דורכגעפלויגען אלס ער האָט דעם קייזערס ווערטער דערהערט, ער האָט זיך אָבער בעהערשט און האָט גאנץ רוהיג געענטפערט:

— מיין גוטער און ערהאבענער העדר און קייזער! זאָלסט מיר פערצייהען, וועז איך וועל דיך בעטען, דאָס דו זאָלסט מיר אזא גרויסען חסד נישט טהון. אזא הויכער פאָסטען פאסט פאר מיר נישט. איך פיהל מיך גליקליך און צופריעדען אין מיין בערוף אלס איינפאכער ארבייטער און אלס דאָקטאָר. עס מאכט מיר פרייד, די מענשהייט צו דיענען און צו העלפען מיט דאָס ווענינע, וואָס איך האָב געלערנט און וואָס איך קען. העכערעס פערלאנג איך נישט!

א בליץ פון צאָרן האָט אין דעם קייזערס אויגען אויפגעפלאמט:

— אָה, איך ווייס! — האָט ער אויסגערופען. — דאָס איז נאָר איין אויסריידן!... דו פערשטעקסט זיך אין א מאנטעל פון ענוות, ווייל דו ווילסט נישט איבערגעהן צום קריסטענטהום!

— און ווארום זאָל איך די אמונה פון מיינע עלטערן אונטריי ווערען? — האָט רבי גרשם געענטפערט, — איך בין מיט מיין אמונה צופריעדען. איך האָב אויף איהר גאָרנישט וואָס אויסצוזעצען. איך פיהל מיך גליקליך אונטער איהרע פליגלען. וועגען א שטיקעל עולם הזה דארף קיין עהרליכער מענש זיין אמונה נישט איבערביטען!

— דאָ איז נישט די רעדע וועגען עולם־הזה, — האָט זיך דאָ דער מיטראָפּאָליט אָבגערופען, — עס האנדעלט זיך דאָ וועגען דיין עולם־הבא!... קיין איד קען נישט האָבען יענע וועלט, ווי פיין און ווי פרום ער זאָל נישט זיין... נאָר די קריסט־

ליבע נשמה קענען אהיים צו דיטעל. די אידישע שטארבען אב אויף דער וועלט צוזאמען מיט זייער קערפער !

— צו וואס טויג אונז א דעבאטע, וואס קען קיינמאל קיין סוף נישט נעהמען ?

— האט זיך רבי גרשם עטוואס אונגעדולדיג אבגערופען. — דו, הייליגער פאטער, ביזט געבוירען געווארען א קריסט — און איך א איד. דו געפינסט, אז דיין רעליגיאן איז די ריכטיגע און איך זאג, אז מיין אמונה איז די ריינסטע, די ערהאבענסטע, די בערנינפטיגסטע. ווער פון אונז ביידען האט רעכט, דאס ווייס נאר גאט אליין, און וויל מיר ווייסען עס נישט, דארף יעדער אייגער פון אונז בלייבען ביי זיין גלויבען, און דעם אנדערן נישט שטערען.

און צום קייזער זיך ווענדענדיג, האט ער אויסגערופען :

— איך בעט דיך, מיין העדר און קייזער, מיך נישט צו צווינגען !.. דו ווייסט, וואס פאר א טרייען דינער דו האסט אין מיר. איך בין בערייט אלעס צו טהון, וואס דו וועסט מיר בעפעהלען, אבער וואס עס איז שייך צו מיין גלויבען, קען איך דיר נישט פאלגען. אין אמונה זאכען וויל איך נאר מיין גאט דין וחשבון אבגעבען !

דער ענטפער פון רבי גרשם האט דעם קייזער טיעף געקרענקט, אבער ער האט זיין כעס פערבארגען און האט רבי גרשם געהייסען ווארטען אין א צווייטען צימער, ביז די קאנפערענץ וועט זיך ענדיגען.

— אלוא, מיינע העררען — האט זיך דער קייזער אבגערופען, נאך דעם ווי רבי גרשם האט דעם טהראן-זאל פערלאזען, — בלייבט אונז קיין אנדער וועג ווי נאר איהם מיט א געוויסע סומע געלד צו בעצאהלען, און איך בעט אייך די סומע צו בעשטימען.

ביז יעצט האט דער מיניסטער יאהאן געשוויגען. יעצט אבער האט ער שוין ארויסגעזעהן, דאס דער קייזער איז מיט זיין בלוטפיינד עטוואס אונצופרידען און ער האט זיך בעוויזט דיזע אונצופרידענהייט צו זיין פלאן אויסצונוצען.

— מאיעסטעט ! — האט ער זיך אבגערופען, — געוויס האט דער איד רבי גרשם, פערדינט מיט א גרויסע סומע געלד בעלוינט צו ווערען. עס בלייבט נאר די פראגע, אויב ער האט דעם שכר שוין אליין נישט גענומען ? ווער ווייס וויפיעל פונט זילבער עס זענען ביי איהם געבליבען פון דעם זילבער, וועלכען דער שאטצמייסטער האט איהם אויף דיין בעפעהל פון דיין שאטצקאמער ארויסגעגעבען ?

— דאס קען נישט זיין ! — האט דער קייזער געענטפערט, — איך קען רבי גרשם זעהר גוט. ער וועט קיין פרעמדעס נישט נעהמען !

— אונד גלויבסט דו, מאיעסטעט, — האט זיך דער מיטראפאליט אנגערופען, — אז עס זענען דא אידען, וואס האבען פיינד געלד ?

— אה, געוויס !... אונד רבי גרשם איז דער בעסטער בעווייז דערצו. ווען ער וואלט לוסט געהאט צו געלד, וואלט ער ביי מיר גענומען די פופציג טויזענד דוקאטען, מיט וועלכע איך האב איהם געוואלט בעצאהלען פאר דער קוראציע פון דער פרינצעסין טהעאדארא.

— אבער צו וואס טויג אונז די וכוחים ! — האט זיך יאהאן אבגערופען —

עס איז אונז זעהר לײכט צו איבערצײגען, אויב ער האט פון דעם זילבער גע־גנב'עט אדער ניט.

— ווי אזוי?

— מיר קענען בערעכענען וויפיעל זילבער ער האט פון שאטצקאמער בעקו־מען דעם זילבערנעם טהראן צו מאכען און דאן דעם טהראן אבוועגען.

— זעהר גוט! — האט דער קײזער אויסגערופען — מען זאל דעם טהראן אבוועגען, אונד איהר ווערט אײך גלײך איבערצײגען, אז אײער גאנצער חשד איז אונגערעכט

— אבער אום אזא גרויסען שטוהל אבצוועגען. — האט זיך דער שאטצמײסטער אבגערופען — מוז מען איהם צוברעכען אין שטיקער.

— ווי אזוי איהם אבצוועגען; — האט דער קײזער געענטפערט — וועט אונז רבי גרשם לערנען, אזא קינסטלער ווי ער קען אלעס!... זאל מען איהם ארײנרופען!

אלס רבי גרשם איז ווידער ארײנגעקומען אין טהראן־זאל, האט זיך דער קײזער צו איהם געווענדעט:

— הער אום רבי, — האט ער צו איהם געזאגט — עס ליגט אויף דיר דער חשד, דאס דו האסט מעהר זילבער גענומען, וויפיעל דו האסט אויף דעם טהראן פערברויכט, איך, פון מײן זײט, וויל דאס ניט גלויבען, אבער אום זיך פון אזא חשד צו רײניגען, אײנמאל פאר אלע מאל, וואלט זעהר גוט געווען דעם טהראן אבצוועגען. קענסט דו אונז ניט זאגען, ווי אזוי זאל מען דעם טהראן אבוועגען אונד עס זאל איהם ניט שאדען?

— אה, מײן ערהאבענער קײזער! — האט איהם רבי גרשם מיט א טרויעריגע שטימע געענטפערט — האב איך דען אזא ביטערן חשד פערדינט, נאך דעם ווי איך האב דיך עהרליך אונד טרײ געדינט? האב איך דען דיר פאראויס ניט געזאגט, דאס פאר די ארבײטער קען איך דיר ניט גאראנטירען? איך האב פון דעם זילבער פאר זיך אפילו קײן אײנציגען גראן ניט גענומען, דאס שווער איך דיר בײ גאט, אבער פאר די ארבײטער קען איך ניט שווערען. אויסערדעם מוזט דו וויסען, דאס יעדעס מעטאל, ווען עס ווערט געשמאלצען, פערליערט א געוויסען פראצענט פון איהר פריהערדיגען געוויכט.

— דאס זענען נאר פוסטע פראזען! — האט זיך דער מיטראפאליט אבגערופען — ער קען זיך לײכט ניט בעקומען, ביז מען וועט וויסען, וויפיעל זילבער ער האט פון שאטצקאמער בעקומען אונד וויפיעל ער האט פערברויכט!

— אזוי בלײבט עס! — האט דער קײזער אויסגעשריען — דו מוזט אונז זאגען, ווי אזוי דעם שטוהל אבצוועגען אונד מען זאל איהם דערבײ ניט צוברעכען.

— דאס ווײס איך ניט מאיעסטעט! — האט רבי גרשם געענטפערט.

— דו ווײסט עס ניט? — האט דער קײזער מיט כעס אויסגעשריען — דו, דאס קײן וויסענשאפט איז פון דיר ניט פערבארגען?... איך בעפעהל דיר, רבי, דו זאלסט אונז אויגענבליקליך זאגען, ווי דעם שטוהל אבצוועגען!

— קײן מענש אין דער וועלט קען מיר ניט בעפעהלען צו זאגען דאס, וואס איך ווײס ניט.

— אָך דו וואָגסט מיין בעפעהל נישט צו הערען?... גוט! יעצט הער מיין לעצטעס וואָרט: דו וועסט פאר דיין ארבייט קיין פעניג נישט בעקומען, ביז מיר וועלען דעם שטוהל אָבוועגען. אין פאל אָבער ווען מיר וועלען דעם שטוהל אָבוועגען אונד מיר וועלען אויסגעפינען, אַז ער וועגט ווענינער נאָך דער געוויכט פון דעם זילבער, וואָס דו האָסט פון דעם שאַטצקאַמער בעקומען, וועסט דו געשטעלט ווערען פאר אַ געריכט אונד דו וועסט צום טויט פערורטהיילט ווערען. דאָס איז מיין לעצטעס וואָרט... יעצט קענסט דו געהן!

טרויעריג אונד געבראָכען איז רבי גרשם פון טהראָן-זאַל אַרויסגעגאַנגען.

שוין אויף מאָרגען האָט דער קייזער באַזיל די גרעסטע מייסטערס אונד קינסטלער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו זיך געלאָזט רופען אונד האָט זיי געהייסען מאַכען אַזאַ וואָגשאָל, דאָס מען זאָל קענען דעם שטוהל נישט צוברעכענדיג אָבוועגען.

וואָכען אונד חדשים זענען פערגאַנגען אָהן אַ שום ערפאָלג. די מייסטער אונד די קינסטלער האָבען זייערע קעפּ שיער געבראָכען טראַכטענדיג אונד קלערענדיג אונד האָבען אַזאַ מין וואָגשאָל נישט געקענט אויסגעפינען.

---

ניינטעס קאַפּיטעל.

# די גנבה.

מיט גרויס אונגעדולד האָט די פּרינצעסין טהעאָדאָראַ געוואַרט אויף דעם בעשלוס פון דער פערזאַמלונג, ווען זי איז זעהר נייגעריג געווען צו וויסען, וועלכען לויהן וועט רבי גרשם, איהר רעטער פון טויט, בעקומען.

ענדליך האָט זיך די טהיר פון איהר צימער געעפענט אונד איהר פאָטער, דער קייזער, איז צו איהר אַריינגעקומען.

זי האָט איהם פערוואונדערט און איבעראַשט אַנגעקוקט. אויף זיין געזיכט איז געלעגען אַ וואָלקען פון טיעפען טרויער.

— דו ביזט געוויס נייגעריג צו וויסען, מיט וואָס איך האָב דעם רבי גרשם בעלויהנט, מיין ליעבלינג, — האָט ער צו איהר געזאָגט — איך קען דיר אַזוי פיעל זאָגען, מיין קינד, דאָס איך האָב איהם פאר מיין וויצע-קעניג געוואָלט מאַכען, ווען ער וואָלט איינגעשטימט צום קריסטענטהום איבערצוגעהן; אָבער ער וויל זיין גלויבען נישט אומבייטען.

— קענסט דו איהם דען-נישט אַנדערש בעלויהנען, אַז ער זאָל קענען בלייבען ביי זיין גלויבען?

דער קייזער האָט זיין קאָפּ טרויעריג אַרונטערגעלאָזען אונד האָט נישט געענטפערט.

— אַלזאָ, וואָס פאר אַ לויהן האָסט דו פאר איהם בעשטימט?

— זײַן לויהן וועט זײַן דער טויט! — האָט דער קײזער מיט געבראָכענער שטימע געענטפערט.

— דו טרײַבסט שפּאַס, ליעבער פעטער!

— דורכאויס נישט, מײַן קינד!... פון דעם זילבער, וועלכען ער האָט פון מײַן שאַטצקאַמער בעקומען דעם טהראָן צו מאַכען, האָט ער ווארשײַנליך אַ גרויסע מאַסע גע׳גנב׳עט, אונד דאָס מוז מיט דעם טויט בעשטראָפט ווערען!

— דו זאָגסט „וואהרשײַנליך", אַלזאָ איז דאָס נאָר אַ חשד!

— יאָ, מײַן קינד, נאָר אַ חשד, אָבער דער חשד איז געבויט אויף אַ זיכערן פונדאַמענט!

— אָהאָ!... אַזוי זיכער זײַט איהר שוין, אַז רבי גרשם איז אַ גנב?

— עס שטעהט איהם פרײַ פון דיעזען חשד זיך צו רײַניגען, אָבער ער וויל אָדער ער קען דאָס נישט טהון... ער קען אונז זאָגען, ווי אַזוי מען זאָל דעם שטוהל אָבוועגען, אָבער ער וויל עס נישט זאָגען. געוויס, ווײַל ער האָט מורא, אַז דורך דעם אָבוועגען וועט זיך אַרויסשטעלען קלאָר און דײַטליך, דאָס ער האָט פון דעם זילבער גע׳גנב׳עט.

— אונד איך גלויב אַנדערס, ליעבער פעטער!... איך גלויב, אַז ער טהוט דאָס נישט נאָר אויס שטאָלץ. בעדענק נאָר ווי בעלײדיגט מוז זיך אַ ערליכער מענש פיהלען, ווען מען ערקלערט איהם מיט אײנמאָל פאַר אַ גנב!

— עס שטעהט איהם פרײַ, אונז דאָס גענענטהײל צו בעווײַזען.

די פּרינצעסין טהעאָדאָראַ האָט אין צאָרן אויפגעפלאַמט.

— וועה! וועה! — האָט זי אונטער אַ שטראָם הײסע טרעהרען אויסגערופען — איז דאָס דײַן קײזערליכער דאַנק צו אַ מענשען, וואָס האָט אונז אַזוי פיעל גוטעס געטהון; אַ מענש, וואָס האָט אַזוי פיעל טעג אונד נעכט בײַ מײַן קראַנקען-לאַגער געוואכט, מיט דעם אײנציגען וואונש מיך פון טויט צו רעטען; אַ מענש, וואָס האָט גאַנצע מאָנאַטען טאָג אונד נאַכט שווער אונד ביטער געאַרבײַט, אום פאַר דיר דעם שעהנסטען טהראָן פון דער וועלט צו פערפערטיגען!... וועה איבער אַזאַ פערדאָרבענע וועלט, אין וועלכער דער ערליכער מענש בעקומט פאַר זײַן מיה אונד פאַר זײַן ערהרליכקײַט נאָר אַ שטריק אויפ׳ן האַלז אָדער אַ שווערד אין דער ברוסט! אין אַזאַ וועלט וויל איך בעסער נישט לעבען!

— בערוהיג דיך, מײַן קינד! — האָט זיך דער קײזער אָבגערופען — אַזוי ווײַט וועט עס נישט קומען... אין לעצטען מאָמענט וועל איך איהם שיצען. ער האָט פון מיר אַ רינג בעקומען: ער דאַרף מיר נאָר דעם רינג ווײַזען, ווען ער איז אין אַ סכנה אונד איך וועל איהם אונטער מײַן שוץ נעהמען.

דער קײזער האָט איהר אַלע אײנצעלהײַטען דערצעהלט אונד האָט איהר אויך ערקלערט, אַז ער אַלײן שטעהט אויף רבי גרשם׳ס זײַט, אונד דאָס האָט די גוטע פּרינצעסין בערוהיגט.

אַלס רבי גרשם איז פון קײזערליכען פּאַלאַץ אַרײַם געקומען, האָט ער זײַנע צווײ ווײַבער דערצעהלט אין וואָס פאַר אַ סכנה ער געפינט זיך, אונד דאָס האָט אויף רבקה׳ן אַ טיעפען אײנדרוק געמאַכט. דער געדאַנקען, דאָס זי קען איהר געליעבטען מאַן דורך אַ פאַלשען בלבול פערליערען, איז איהר ביטערער געוועזען פון דעם טויט.

מעליטטאַ אָבער האָט זיך איבער איהם לוסטיג געמאַכט אונד האָט איהם גערופען „שלימעזאַלניק”. עס האָט איהר נעקרענקט, דאָס איהר מאַן האָט זיך איבער זיין רעליגיאָן פון אַזאַ הויכען פּאָסטען ענטזאָגט ; אַ פּאָסטען, וואָס וואָלט איהר די טהירען פון קייזערליכען פּאַלאַץ געעפענט אונד וואָלט איהר געמאַכט פאַר איינע פון די גרעסטע האָפדאַמען.

— איך זעה שוין, — האָט זי בּיי זיך געטראַכט — אַז כל זמן איך וועל זיין זיין ווייב, וועל איך בּלייבּען אַ פּראָסטע אידישע ווייבּעל, אָהן אַ שום נאָמען אונד אָהן אַ שום ווערטה אויף דער וועלט. ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך וואָלט מיט מיין געליעבּטען מיכאַיל חתונה געהאַט !... אָבער, ווי מיר שיינט איז יעצט אויך נאָך נישט צו שפּעט דערצו !...

דער אַנטיסעמיט יאָהאַן האָט אויפגעגעבען אַלע זיינע האָפנונגען זיין בלוט-פיינד דעם רבּי גרשם, צו פערניכטען. ער האָט ענדליך איינגעזעהן, אַז ער קען איהם נישט בּייקומען. ער האָט געוואוסט, אַז דער קייזער בּאַזיל האָט איהם זיין רינג געשענקט, אונד ווען עס וועט זיך שוין יאָ געפינען אַ מייסטער וואָס וועט דעם שטוהל אָבּוועגען, און עס וועט זיך ווירקליך אַרויסווייזען אַז ער האָט פון דעם זילבּער גע־גנב'עט אונד מען וועט איהם צום טויט פעראורטהיילען, וועט רבּי גרשם געווייס קומען צום קייזער, וועט איהם ווייזען דעם רינג אונד וועט דורך דעם ניצול ווערען, אַזוי ווי דער קייזער האָט איהם צוגעזאָגט.

עס בּלייבּט נאָר איין מיטעל, דעם רינג בּיי איהם אוועקצונעהמען. אָבער ווי אַזוי ?

אַ לאַנגע צייט האָט ער וועגען דעם זיין קאָפּ צעבּראָכען טראַכטענדיג, אונד האָט נאָר נישט געקענט אויסגעפינען.

פּלוצלונג איז איהם אַ נייער פּלאַן איינגעפאַלען.

— אַזוי קען עס געהן ! — האָט ער צו זיך געזאָגט — דורך מיין פּלימעניק מיכאַיל קען איך דעם רינג בּעקומען, אונד בּעקום איך איהם, איז דער איד פערלאָרען !

ער האָט גלייך געשיקט רופען זיין פּלימעניק מיכאַיל אונד האָט איהם זיין פּלאַן ערקלערט.

— אַה, דאָס איז אַ קלייניגקייט ! — האָט מיכאַיל אויסגערופען — אין אַ קורצער צייט בּרענג איך דיר דעם רינג.

— אָבער ווי אַזוי ?

— מעליטטאַ וועט מיר דעם רינג פערשאַפען !

— בּיזט דו זיכער ?

— זי ליעבּט מיך אונד אום ליעבּע צו מיר וועט זי אַלעס טהון.

— אַלזאָ, געה אונד מאַך עס !

— איך געה שוין, פעטער, אָבער איין פּונקט איז מיר נאָך נישט קלאָר : צו וואָס טויג אייך דער רינג, ווען די שולד פון דעם אידען איז נאָך נישט בּעוויזען אונד כל זמן מען האָט נאָך נישט אויסגעפונען אַ מיטעל דעם שטוהל אָבּצוּוועגען, קען מען דאָך זיין שולד נישט בּעווייזען ?

— וועגען דעם איז שוין געזאָרגט, — האָט יאָהאַן געענטפערט — דער קייזער האָט געשיקט רופען דעם גרויסען קינסטלער בּאַזיליקוס פון אַטהען אונד

האָט איהם געגעבען דעם איפּטראַג, דעם שטוהל אָבצוּוועגען אונד גלייך ווי דאָס וועט איהם געלינגען, וועט דעם אידענס שולד קלאָר אונד דייטליך בעוויזען ווערען. ער וועט פעראורטהיילט ווערען צום טויט, אונד נישט האָבענדיג דעם רינג איז ער פערלאָרען.

מיכאַיל האָט אויפגעזוכט די שעהנע מעליטטאַ אונד האָט מיט איהר אָנגעקניפּט א געשפּרעך וועגען זייער צוקונפט.

— גלויבסט דו ווירקליך, געליעבטער, — האָט זי איהם געפרעגט — אז איך קען מיך ווען עס איז פון מיין פערהאסטען מאַן בעפרייען אונד מיט דיר חתונה האָבען?

— דער זיסער מאָמענט איז שוין גאנץ נאָהענט! — האָט ער געענטפערט — קוים וועט דער קינסטלער באַזייטיגען דעם שטוהל אָבוועגען אונד בעוויזען, אז דיין מאַן האָט פון'ם זילבער געגנב'עט, וועט ער שטאַרבען אויף דעם עשאַפאָט אלס פערברעכער אונד דו וועסט זיין פריי.

— דו פערגעסט אָבער, אז ער האָט א רינג פון קייזער אונד דיעזער רינג קען איהם נאָך אין לעצטען מאָמענט דאָס לעבען ראטעוועו.

— האָסט דו דעם רינג ווען עס איז געזעהן, געליעבטע?

— איך זעה איהם אַלע ווייַלע; ער טראָגט איהם אויף זיין פינגער.

— קענסט דו איהם אפשר בעקומען?

— זעהר לייכט! ביי אונז אידען איז דער דין די רינגען פון די פינגער אראָפּצונעהמען, ווען מען וואשט זיך די הענד, אונד דאַמאָלס קען איך איהם צונעהמען.

— אונד ווילסט דו דאָס טהון?

— איך מוז עס טהון; עס האַנדעלט זיך דאָך וועגען אונזער גליק!

— אַלזאָ טהו עס, געליעבטע, וואָס גיכער, ווען די אונגעדולד דריקט אין גאַנצען צו בעזיצען פלאַגט מיך ווי דער טויט!

אויף דעם אַנדערן טאָג, ווען רבי גרשם איז געגאַנגען וואַשען די הענד צום עסען, האָט ער דעם רינג פון פינגער אַרונטער-גענומען אונד האָט איהם ערגיץ-וואו אוועקגעלייגט. אין צימער איז מעליטטאַ אַליין געוועזען, ווען דבורה איז בעשעפ-טיגט געוועזען אין קיך, דאָס עסען צו צוגרייטען. מעליטטאַ האָט צוגענומען דעם רינג אונד קיינער האָט דאָס נישט בעמערקט.

רבי גרשם האָט זיך געזעצט צום טיש מיט זיינע צוויי ווייבער אונד דעם רינג האָט ער אין גאַנצען פערגעסען. עס איז איהם איבערהויפּט אין די לעצטע טעג קיין זאַך אין זינען נישט געלעגען, ווייל זיין קאָפּ איז פול געוועזען מיט שווערע זאָרגען וועגען דער צוקונפט.

אויך די גוטע דבורה איז אין די לעצטע טעג זעהר טרויעריג אונד בעקימערט געוועזען. זי האָט געוואוסט, וועלכע סכנה עס שוועבט איבער רבי גרשם'ן, איהר געליעבטען מאַן, אונד דאָס האָט איהר אין גאַנצען צעבראָכען.

נאָך א גענענשטאַנד האָט איהר דאָס לעבען פערגיפטעט: זי האָט געוואוסט מעליטטאַ'ס שלעכטע אויפפיהרונג, איהר זינדיגען פערהעלטניס צו דעם יונגען גאַרדיסט מיכאַיל, אָבער זי האָט געמוזט שווייגען.

— ווען איך זאָל איהם דאָס אויסזאָגען, — האָט זי צו זיך געזאָגט — וייעט ער נעבּיך נאָך מעהר ליידען.

ערשט פאַר נאַכט האָט זיך רבי גרשם אַרומגעזעהן, דאָס דעם קיזערס רינג פעהלט איהם אויף דעם פינגער. ער האָט איהם איבעראַל געזוכט אונד האָט איהם נישט געקענט געפינען. אויך דבורה און מעליטטאַ האָבען איהם געזוכט, אָבער מיט דעם זעלבּיגען רעזולטאַט.

ווי פון בּליטץ געטראָפען איז רבי גרשם געפאַלען אויף אַ שטוהל אונד האָט זיין האַרץ אויסגעגאָסען אין בּיטערע קלאָגען. ער האָט געוואוסט וואָס עס שטעהט איהם פאַר, ווען דער רינג, זיין איינציגער רעטונגס-מיטעל, וועט זיך נישט געפינען.

בּיידע ווייבּער האָבּען געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. מעליטטאַ האָט נאָך מעהר פלייס אַרויסגעוויזען בּיים זוכען, אונד צום סוף האָט זי ערקלערט, דאָס דער רינג איז געוויס געַגנבעט געוואָרען.

דאַן האָט זיך שוין דבורה נישט געקענט איינהאַלטען. אַ שווערער געדאַנקען איז איהר געלעגען ווי אַ שטיין אויף דער בּרוסט אונד האָט איהר געדריקט צום טויט.

— מעליטטאַ? — האָט זי אויסגערופען — זאָלסט אויף מיר קיין פעראיבּעל נישט האָבּען, ווען איך וועל דיך אין אונזער מאַנס געגענוואַרט פרעגען, וואוהין געהסט דו טאָג טעגליך אויף אַ פאָר שעה?

— אונד ווער בּיזט דו דאָס וואָס דו וואַגסט מיך צו פרעגען? — האָט איהר מעליטטאַ מיט גרויס חוצפה צוריק געפרעגט — דאַרף איך דיר דען אָבּגעבּען אַ רעכנונג פון דעם וואָס איך טהו?

— נישט מיר, אָבּער אונזער מאַן!

— אונד דו האָסט עפּיס אַ חשד אויף מיר? — האָט זיך מעליטטאַ צו איהר מאַן געווענדעט.

— איך?... חלילה! — האָט רבי גרשם געענטפערט.

— אונד פון דעסטוועגען וועל איך דיר זאָגען וואוהין איך געה אַלע טאָג, — האָט מעליטטאַ זיך אָבּגערופען — איך בּעזוך יעדען טאָג מיין יוגענד-פריינדין צפורה, די ווייב פון ר' אפרים דעם זיידען-הענדלער.

— דאָס איז נישט אמת! — האָט זיך דבורה אָבּגערופען — היינט, ווען איך בּין געגאַנגען אויף דעם מאַרק עפּיס וואָס איינצוקויפען, האָב איך מיך בּעגעגענט מיט צפורה'ן, אפרים'ס ווייב, אונד זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט דיך שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזעהן.

— וואָס איז דאָס? — האָט מעליטטאַ פלאַמענדיג פאַר כעס אויסגערופען — ווער האָט דיר געגעבּען אַ רעכט מיינע טריט צו ציילען?... איך האָב טאַקי אַ טעות געהאַט... צפורה'ן האָב איך טאַקי שוין אַ לאַנגע צייט נישט בּעזוכט, אָבּער אויסער צפורה'ן האָב איך נאָך אַנדערע בּעקאַנטע אונד צו זיי געה איך... אָבּער זאָג מיר נאָר, וואָס ווילסט דו פון מיר? וואָס קימערט דיך דען מיין געהן אונד שטעהן?... איך ווייס, דו זוכסט עפּיס אויף מיר?... דו בּיזט מיר מקנא...

עס קרענקט דיך אין הארצען, דאס מיין מאן ליעבט מיך ... דו ווילסט מיך ביי איהם פער'מיאוס'ען.

אונד ביי די ווערטער האט זי אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין.

— דבורה! — האט זיך רבי גרשם אויף זיין ערשטע ווייב אנגעבייזערט — אזוי האלטסט דו דאס דיין הבטחה, וואס דו האסט מיר צוגעזאגט, ווען דו האסט מיך צוגערעדט א צווייטע פרוי צו נעהמען? ... האב איך דען נאך ווענינ צרות אונד שמערצען, דאס דו מאכסט מיר ענג מיין הויז מיט קריגע אונד צאנקערייען?

דבורה האט געלאזט איהר קאפ ארונטערזינקען אונד האט געשוויגען. זי האט איהר מאן נישט געוואלט מצער זיין אונד האט מעהר נישט גערעדט.

זי האט זיך אבער פארגענומען מעליטטא'ן נאך מעהר נאכצושפיאנירען. דען אין איהר אינערליכע שטימע האט איהר געזאגט, דאס די יונגע מעליטטא איז איהר מאן נישט געטריי.

— איך אליין, — האט זי צו זיך געזאגט — איך אליין בין אין זיין אונגליק שולדיג, דען איך האב איהם צוגערעדט מיט איהר חתונה צו האבען... אבער מיין איינציגע לעבענס-אויפגאבע איז, מיין אונגליקליכען מאן פון יעדע געפאהר צו שיטצען אונד די פאלשע מאסקע פון איהר געזיכט ארונטערצורייסען.

---

צעהנטעס קאפיטעל.

## דער סוד.

דער צורר היהודים יאהאן האט זיך נאר א קורצע צייט געפרעהט מיט זיין באל-דיגען נצחון איבער זיין בלוט-פיינד רבי גרשם, דען שוין אין עטליכע טעג ארום נאכדעם ווי דער געלעהרטער באזיליקוס פון אטהען איז געקומען נאך קאנסטאנטי-נאפאל, אונד נאכדעם ווי ער האט דעם קייזערליכען טהראן אונטערזוכט, האט ער דעם קייזער ערקלערט, דאס נישט צוברעכענדיג דעם ששוהל אויף שטיקלעך, איז גאר קיין מעגליכקייט נישטא זיין געוויכט דורך א וואג צו בעשטימען.

— וואס האב איך אויסגעפיהרט? — האט דער אנטיסעמיט געיאמערט — אלע מיינע מאטערניס זענען אומזיסט; איך וועל מיין פיינד נישט בייקומען. צו וואס טויג מיר יעצט דער רינג, ווען רבי גרשם'ס שולד קען נישט בעוויזען ווערען?

נאך לאנגען טראכטען איז ער צו דער איבערצייגונג געקומען, אז דעם סוד פון דעם ששוהל אבוועגען מוז נאר רבי גרשם אליין וויסען, אבער ער וועט דעם סוד קיין מענשען אויף דער וועלט נישט אויסזאגען.

ווי קריגט מען דעם סוד פון איהם ארויס?

אונד טראכטענדיג איז ער ווידער געקומען אויף א גוטען איינפאל

די אונטרייע ווייב מעליטטא! ... זי האט אים ליעבע צו זיין פלימעניק דעם רינג ביי איהר מאן גע'גנב'עט, זי וועט אויך דעם סוד ביי איהם בעקומען...

נאָך אין דעם זעלביגען טאָג האָט יאָהאַן געלאָזט רופען זיין פלימעניק מיכאיל אונד האָט איהם געוויסע אינסטרוקציאָנען געגעבען.

מיכאיל איז ווידער מיט מעלימטאַ'ן צוזאמענגעקומען אונד האָט איהר געלערנט ווי אַזוי זי זאָל דעם סוד פון איהר מאַן ארויסקריגען.

אין עטליכע טעג ארום, שפּעט ביי נאַכט, ווען רבי גרשם איז זיך איינער אליין געזעסען אין זיין צימער אונד האָט געלערנט ווי תמיד, האָט ער פּלוצלונג אַ שווערען זיפץ דערהערט.

אלס ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער מעלימטאַ'ן נישט ווייט פון זיך זיצענדיג דערזעהן.

— דו ביזט עס, מעלימטאַ? — האָט ער אויסגערופען — וואָרום געהסט דו נישט שלאָפען אונד וואָרום זיפצסט דו אַזוי שווער?

— עס איז מיר ביטער אויפ'ן הארצען, מיין ליעבער מאַן, — האָט די פּאַלשע געענטפערט, אין טרעהרען אויסברעכענדיג, — איך פיהל, אַז איך בין פערלאָרען!

— גאָט איז מיט דיר, מעלימטאַ! — האָט רבי גרשם מיט שרעקען אויסגערופען אונד האָט דעם ספר צוגעמאַכט — וואָס פעהלט דיר דען?

— וואָס פעהלט מיר?... מיר פעהלט אלעס אין דער וועלט! איך האָב קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין ברודער אונד קיין שוועסטער... עלענד בין איך ווי אַ שטיין אין וואַסער!

— אונד איך, דיין מאַן?

— אויך דיך האָב איך פערלוירען! — האָט די פאַלשע מיט פאַלשע טרעהרען אין איהרע אויגען געיאָמערט — אוים האָם אונד אייפערזוכט האָט דבורה דיין הארץ פון מיר אָבגעווענדעט, אונד האָט אַ בייזען חשד אויף מיר ארויפגעוואָרפען.

— דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען, מיין קינד!... דו ווייסט זעהר גוט ווי גרויס מיין ליעבע איז צו דיר אונד ווי הויך איך שעטץ דיין טריַיהייט.

— ניין, עס איז נישט אמת!... דו האָסט צו מיר קיין צוטרויען אונד קיין גלויבען!

— ווי קענסט דו דאָס זאָגען, מעלימטאַ! האָסט דו דען זיך קיינמאָל נישט איבערציַיגט אין מיין צוטרויען צו דיר?

— קיין איינציגען מאָל!... דו האָסט מיר נאָך קיין איינציגען בעווייז געגעבען, אַז דו גלויבסט אין מיין טריַיהייט אונד אין מיין עהרליכקייט!

— פערלאַנג וועלכען בעוויַיז דו ווילסט; איך וועל עס דיר אוגענבליקליך געבען!

— דער בעסטער בעוויַיז וועט זיין דער, אַז דו זאָלסט מיין פיינדין דבורה גט געבען!

מיט טויט-שרעקעניש האָט רבי גרשם זיין יונגע וויַיב אָנגעקוקט.

— דאָס פערלאַנגסט די? — האָט ער אויסגערופען — איך זאָל אזאַ זינד בעגעהן?... ניין, מיין טהייערע, דאָס קען איך נישט טהון!... עס איז אמת, אַז דבורה האָט אויף דיר שלעכטעס גערעדט, אָבער זי האָט דאָס נישט אויס שנאה צו

דיר געטהון, נאר אוים ליעבע צו מיר. דבורה איז מיין ערשטע פרוי אונד איז איינע פון די בעסטע אידישע טעכטער!

— די „בעסטע"! אונד איך האב ביי דיר גאר קיין ווערטה!... וואס טויג מיר מיין לעבען? זי וועט מיך עביג פערפאלגען, זי וועט מיך מאטערן ביז טויט אונד דיר וועט דאס גאר נישט קימערן!

— מעליטטא! הער אויף אזעלכע נארישקייטען צו רעדען... איך קען דבורה'ן נישט גט'ן... דאס וועט איהר טויט זיין... בעט ביי מיר וואס דו ווילסט, נאר וועגען א גט זאלסט דו מיט מיר קיינמאל נישט רעדען!

מעליטטא האט איינגעזעהן, אז אויף דעם אופן וועט זי צו איהר ציעל נישט קומען אונד האט זיך פארגענומען איהר מאן פון אנ'אנדער זייט צו אטאקירען.

— גוט, מיין ליעבער מאן! — האט זי אויסגערופען — איך וועל דיך פאלגען אונד וועל פון דיר נישט פערלאנגען, אז דו זאלסט דבורה'ן גט'ן. צו וואס דארף איך דאס אייגענטליך? ווייס איך דען נישט, אז דו ליעבסט מיך מעהר פון דיין לעבען? איך וואלט נאר וועלען, אז דיין צוטרויען צו מיר זאל אזוי גרויס זיין ווי דיין ליעבע, דאן וואלט איך די גליקליכסטע אויף דער וועלט געוועזען!

זי האט איהם מיט ביידע ארעמס ארומגענומען אונד האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע שעהנע אויגען, זי, די פאלשע, האט געוואוסט, וואס פאר א קראפט איהרע אויגען בעזיטצען אונד וואס פאר א-ווירקונג זיי קענען מאכען.

אין עטליכע מינוט ארום האט זי איהם פלוצלונג א פרעג געטהון:

הערסט דו געהערט, גרשם, אז באזילקוס פון אטהען האט דעם קייזער ערקלערט, דאס ער קען נישט אויסגעפינען אזא וואגשאל, מיט וועלכען מען זאל קענען דעם טהראן אבוועגען?

— אטהען איז פארצייטען געוועזען די שטאדט, וואו עס האבען די גרעסטע געלעהרטע געלעבט, — האט רבי גרשם געענטפערט — אין היינטיגער צייט, קענען זי אזעלכע געלעהרטע אונד חכמים נישט אויפווייזען.

— אונד דו וואלסט אזא וואגשאל געקענט מאכען?

— דאס איז אין גאנצען איבעריג; מען קען דעם טהראן גאר אהן א וואגשאל אבוועגען.

— אה! ווילסט דו מיר זאגען, ווי אזוי?

אבער רבי גרשם האט שוין חרטה געהאט אויף זיינע רייד אונד האט געענטפערט:

— ניין, מעליטטא! דאס ווייס איך נישט.

— גרשם!... מיין טהייערער, געליעבטער מאן!... איך זעה אז דו ווייסט עס... ווארום ווילסט דו דאס מיר נישט זאגען? זעהסט דו ווי ווייניג צוטרויען דו האסט צו מיר, אז אפילו אזא קליינינקייט ווילסט דו מיר נישט זאגען!

ביי די לעצטע ווערטער האט זי אנגעהויבען צו וויינען.

— הער אויף צו וויינען, מעליטטא... דו צוברעכסט מיר מיין הארץ!... איך וואלט עס דיר געוויס געזאגט, ווען איך וואלט עס געוואוסט!

— דו ווייסט עס!... דו ווייסט אלעס... דו ביזט געלעהרטער פון זיבען... זאג מיר, צום ווייניגסטענס, אז דו ווייסט עס!

— נו יא, איך ווייס עס, אבער איך וויל דאס קיין מענשען נישט זאגען, ווייל איך קען דורך דעם ארייננפאלען אין דעם גרעסטען אונגליק. איך בעט דיך מעליטטא, זאג דאס קיין מענשען נישט... דו ווייסט, דאס איך האב זעהר פיעל שונאים, וואס זוכען נאר א געלעגענהייט מיך אונגליקליך צו מאכען.

— און דו גלויבסט, אז איך וועל דיין סוד עמעצען אויסזאגען?

— ניין, נישט דאס... אבער דו קענסט עס נאך אונפארזיכטיגערהייד ארויסרעדען.

— וועה! יעצט זעה איך טאקי, אז דו געטרויעסט מיר נישט!

— דו מאטערסט מיך, מעליטטא! דו פלאגסט מיך גאר אומזיסט!... וואס ווערסט דו דערפון האבען אז דו וועסט שוין וויסען, ווי אזוי מען קען דעם טהראן אבוועגען?

— דאס וועט מיר דיענען אלס בעוויין, דאס דו ליעבסט מיך אונד האסט צוטרויען צו מיר. אבער דו ווילסט עס נישט... גוט, זאג עס מיר נישט... יעצט ווייס איך. אז איך האב אין דיין הויז מעהר נישט צו טהון... דו ווילסט נאר מיט דבורה'ן לעבען... זי איז דיין געליעבטע, געטריייע ווייב... איך בין ביי דיר איין איבריגע... איך וויל אייך נישט שטערן... איך וועל בעסער געהן!

וויינענדיג איז זי אויפגעשטאנען פון איהר פלאטץ אונד האט זיך געלאזט געהן צום טהיר.

— מעליטטא! מיין טהייערע מעליטטא! — האט רבי גרשם, אין גאנצען בעזיעגט און צובראכען, אויסגערופען — דו ווייסט, אז איך קען נישט לעבען אהן דיר!... בלייב אונד בערוהיג דיך!... איך וועל עס דיר זאגען... אבער ניין, איך וועל דאס דיר נישט זאגען!.. דען איך קען נישט, איך האב מורא דאס דיר צו זאגען.

— פאר וואס קענסט דו נישט? פאר וועמען האסט דו מורא? און ווער לאזט דיך נישט?

— הער מיך צו וועל איך דיר דערצעהלען פון א פארפאל וואס עס האט פאסירט אין אלטע צייטען און וועלכעס איך האב געלעזען אין א אלטען בוך:

„שלמה המלך וועלכער איז געוועזען קליגער פון אלע מענשען, האט אויך געקענט און פערשטאנען די שפראכע פון חיות און בהמות, אויך דאס צווישערן פון פויגלען.

איין מאל האט שלמה המלך געוואלט טהון גוטעס מיט זיין טרייען אונטערטהאן אלימלך און איהם שענקען רייכטהום און גיטער. אלימלך האט נישט געוואלט נעמען און האט זיך אנגערופען:

— ליעבער הערר קעניג! שענק מיר נישט קיין גאלד און זילבער אדער גיטער, דען גאט זיי דאנק עס פעהלט מיר גארנישט; נאר אויב דו ווילסט מיט מיר טהון גוטס, לערן מיך אויס צו פערשטעהן די שפראכע פון די חיות און בהמות ווי אויך דאס צוויטשערן פון די פויגלען, דען דערציו גלוסט איך שוין פון לאנג, און ווי לאנג איך וועל לעבען וועל איך דיר נישט פערגעסען די טובה.

— איך וועל דיין וואונש ערפילען — האט דער קעניג איהם געענטפערט — אבער וויסען זאלסט דו, דאס איטפאלס דו וועסט אויסזאגען דעם סוד א צווייטען מענש, עס מעג זיין א מאנספערזאן אדער א פרוי, דאן וועסט דו מוזען שטארבען.

— איך וועל דיין בעפעהל היטען, הערר קעניג! און איך וועל דעם סוד קיינעם נישט אויסזאגען.

דער קעניג שלמה האט איהם געלערנט די שפראכע פון די חיות און בהמות אויך דאס צווישערן פון די פויגלען. אלימלך האט זיך דערמיט זעהר געפרעהט זיך האט געדאנקט דעם קעניג פאר זיין גוטעס וואס ער האט מיט איהם געטהון, איז אוועק אהיים צו זיך, דארט האט ער חתונה געהאט מיט א פרוי און האט מיט איהר געלעבט א צופריעדען און א גליקליך לעבען.

איין מאל, אלימלך מיט זיין ווייב זענען זיך געזעסען אויפ'ן הויף, איז אנגעקומען דער אקס פון די פעלד-ארבייט. דער קנעכט האט איהם אריינגעפיהרט אין שטאל אריין און האט איהם אנידערגעשטעלט נעבען דעם עזעל וועלכער איז דארטען געשטאנען א גאנצען טאג, ווייל ער איז קראנק געוועזען. הערט אלימלך ווי דער אקס מיט'ן עזעל פיהרען א שמועס צווישען זיך:

— וואס מאכסט דו ברודער? — האט געפרעגט דער עזעל דעם אקס.

— אך! נישט גוט! — ענטפערט דער אקס — א גאנצען טאג האב איך זיך אנגעליטען צרות אהן א שיעור; מען האט אויף מיר ארויפגעלעגט שווערע משא אז איך בין כמעט אנידערגעפאלען, און דער קנעכט האט מיך געשאלטען מיט טויטע קללות אדער ער האט פון מיר געלאכט און מיך נאך געשלאגען.

— הער צו! — האט זיך אנגערופען דער עזעל — איך וועל דיר געבען א עצה וועלכעס זאל דיך ראטעווען: מאך זיך קראנק. און כדי אונזער בעל הבית זאל גלויבען אז דו ביסט טאקי נישט געזונד, זאלסט דו נישט עסען א גאנצע נאכט; דאן וועט אונזער בעל הבית זעהן אז דו ביסט קראנק און שוואך, וועט מען פון דיר אראבנעמען די שווערע ארבייט און דו וועסט קענען אויסרוהען. איך האב פאריגע נאכט אויך אזוי געטהון, בין איך היינטיגען טאג געבליבען אין שטאל און נישט געגאנגען ארבייטען אין פעלד.

דעם אקס איז געפעלען דעם עזעלס רייד און האט צו איהם געזאגט: „דיין עצה איז א גאנץ גוטע און איך וועל אזוי טהון".

אלימלך האט זיך איינגעהערט זייער שמועס און האט אנגעהויבען לאכען. פרעגט איהם דאס ווייב, „וואס לאכסט דו?" האט ער איהר געענטפערט „איך האב זיך דערמאהנט א פארפאל וואס האט מיר געטראפען שוין לאנג האב איך אנגעהויבען לאכען"

אין דער פריה אז מען האט זיך אומגעקוקט דאס דער אקס האט נישט געגעסען זיין פאשע, האט אלימלך זיך אנגערופען צו זיין קנעכט:

— דער אקס ווייזט אויס איז קראנק און האט קיין כח נישט צו ארבייטען, נעם שפאן איין דעם עזעל זאל ער ארבייטען היינט דאפעלט, דען ער האט זיך געכטען אויסגערוהט אין שטאל, קען ער היינט ארבייטען אויך פאר'ן אקס.

דער קנעכט האָט געטהון אַזוי ווי דער העררר האָט געהייסען. און אָבענד ווען דער עזעל איז צוריקגעקומען מיעד פון פעלד, פרעגט איהם דער אָקס וואָס ער מאַכט.

— איך פיהל קיין גאַנצען גליעד נישט אין מיר — האָט איהם דער עזעל געענטפערט. נאָר איך וועל דיר דערצעהלען אַ זאַך וואָס געהט דיך אָן. איך האָב געהערט ווי דער בעל הבית מיט דעם קנעכט האָבען צווישען זיך געשמועסט, דאָס אויב דער אָקס וועט נישט באַלד געזונד ווערען וועלען מיר איהם שעכטען, כדי מיר זאָלען איהם קענען עסען.

אלימלך האָט אויך דאָס מאָל געהערט דעם שמועס, האָט ער ווייטער אָנגעהויבען לאַכען.

— יעצט וועל איך דיך שוין נישט אָפּלאָזען! — האָט דאָס ווייב, וועלכע האָט זיך געוואונדערט איבער זיין לאַכען, זיך צו איהם אָבגערופען — דו מוזט מיר שוין זאָגען דעם אמת וואָס דו האָסט געלאַכט נעכטען און היינט, און וועסט מיר שוין נישט איינרעדען קיין אַלטע זאַכען.

— נו, איך וועל דיר אויסזאָגען דעם אמת — האָט אלימלך זיך אָבגערופען, — איך האָב זיך איינגעהערט די שמועסען פון אָקס מיט דעם עזעל, האָב איך געלאַכט.

— פון וואַנען קענסט דו זייער שפּראַכע?

— דער קעניג שלמה האָט מיך אויסגעלערנט.

— אַך, מיין טהייערסטער מאַן! דו קענסט די וואונדערליכע חכמה, און מיר דיין ווייב, האָסט דו נישט ערצעהלט? איך בעט דיך לערן מיך אויך אויס דיזע געטליכע וויסענשאַפט.

— דאָס קען איך נישט, — האָט אלימלך געענטפערט. — די גייסטער וועלכע זענען אונטערטהעניג צו שלמה המלך וועלען מיך הרג'נען.

אומזיסט האָט זיך אלימלך געבעטען ביי זיין פרוי, זי האָט איהם נישט אָבגעלאָזט און איהם געמאַטערט ביז ער איז קראַנק געוואָרען פון עגמת נפש און עס איז איהם מיאוס געוואָרען דאָס לעבען. ער האָט בעשלאָסען אויסצוזאָגען דעם סוד זיין ווייב, נאָר פריהער האָט ער גענומען טינט און פעדער אום צו שרייבען אַ צוואָה איידער ער וועט שטאַרבען, אַזוי ווי שלמה המלך האָט איהם אָנגעזאָגט.

שטיל איז געוועזען אין שטוב. אַלע הויז-מענשען זענען ארומגעגאַנגען פערטרויערט, דען זיי האָבען געזעהן דאָס דער בעל הבית האַלט ביי'ם שטאַרבען, מיט אַמאָל דערהערט אלימלך אַ גערודער אין הויף. ער קוקט ארוים אויפ'ן הויף און זעהט ווי דער הונד קריגט זיך מיט'ן האָהן. די אורזאַכע איז געוועזען: דער הונד איז געלעגען רוהיג ביי זיין ביידעל, דען ער האָט אויך געטרויערט אויף דעם בעל הבית וואָס האַלט ביי'ם שטאַרבען; דאָ איז אָנגעקומען דער האָהן אין הויף אַריין פרעהליך און לוסטיג אין קאָמפּאַניע מיט זיינע פיעל פרויען-היהנער און האָט זיך גאַנץ הילכיג ווי זיין שטייגער איז אַ געשריי געטהון: „קוקוריקו!“.

— „אַך דו אונפערשעמטער“! — האָט זיך דער הונד אָנגעבייזערט אויף דעם

האָהן — „וועהסט דו דען נישט אַז אונזער אָרענטליכער בעל־הבית האַלט ביי'ם שטאַרבען, און דיך אַרט דאָס גאָר נישט און דו ביסט לעבעדיג לוסטיג און פרעהליך".

— „זאָל איך מיר נעמען צום האַרצען" האָט דער האָהן געענטפערט „וואָס דער נאַר מאַכט זיך דעם טויט אַבי צוליעב טהון זיין ווייב ? זעה, איך האָב צוואַנציג ווייבער, פערשיעדענע, ווייסע און שוואַרצע, גרינע און רויטע און קליינע ערדרייסטעטע זיך צו ווידערשפעניגען געגען מיר און נישט צו פאָלגען וואָס איך זאָג ; און וועהר שמועסט נאָך, זיי זאָלען אויף מיר וועלען הערשען, דערפון פאַלט זיי נאַרנישט איין. און אונזער בעל־הבית, דער נאַר, האָט איין פרוי קען ער איבער איהר נישט געוועלטיגען און געהט שטאַרבען ווייל די ווייב וויל אַזוי ! אויף אַזאַ נאַר איז נישטאָ קיין רחמנות !"

דער האָהן איז זיך פרעהליך און מיט אַ „קוקוריקו !" ארויס פון הויף אַזוי ווי ער איז געקומען און זיינע ווייבער זענען מיט איהם מיטגעגאַנגען.

אלימלך האָט זיך איינגעהערט דעם האָהן'ס רייד, איז ער ביי זיך פעסט געוואָרען צוריסען דעם פאַפיער אויף וועלכען ער האָט אָנגעהויבען שרייבען זיין צוואה, און אַז זיין ווייב האָט איהם ווייטער אָנגעהויבען דאָקוטשען ער זאָל איהר אויסלערנען די שפראַכע פון חיות בהמות און פויגעל, האָט ער גענומען אַ שטעקען און איהר גוט אָנגעבראָכען די ביינער ביז זי האָט איהם שוין אָבגעלאָזט און זיי האָבען זיך נאָך דעם ווייטער געלעבט גליקליך און צופריעדען אַזוי דער טויט איז מיט אלימלך'ן צוזאַמען געשטאָרבען".

— איך פערשטעה וואָס דו מיינסט — האָט זיך מעליטטאַ אָבגערופען ווען רבי גרשם האָט געענדיגט זיין מעשה, — אָבער דיין משל איז נישט גלייך צו מיר, איך וויל נישט דיין טויט, איך וויל נאָר וויסען אַז דו האָסט צוטרויען צו מיר — איך זעה אָבער אַז דו האָסט מורא דאָס איך וועל דיין סוד אויסזאָגען — ווען דו וואָלסט מיך באמת ליעב געהאַט וואָלסט דו נאַרנישט געקלערט אַז איך וועל ברעכען מיין טריי צו דיר.

רבי גרשם האָט שוין נישט געקענט מעהר אויסהאַלטען און האָט זיך אָבגערופען :

— נו איך וועל עס דיר זאָגען... אָבער היט דיין צונג... מיין לעבען, מיין גליק, אונד מיין צוקונפט הענגט אָב פון דיעזען סוד.

— זיי רוהיג, מיין טהייערער !... פון מיר וועט דאָס קיין מענש נישט ערפאָהרען ; ווייל דיין לעבען איז מיר טהייערער פון מיין איינענעם לעבען !

רבי גרשם האָט איהר דעם סוד אויסגעזאָגט אונד האָט דערביי נאָך נישט געוואוסט, דאָס ער האָט מיט דעם זיין לעבען אין די הענד פון אַ פאַלשע פרוי איבערגעגעבען...

עֶלפטעֶס קאַפּיטעֶל.

# פֶערְאוּרטהייִלט צוּם טוֹיט.

דריי טעֶג שפּעֶטעֶר, נאָך דעֶם ווי רבי גרשם האָט מעֶליטטאָ׳ן עֶנטדעֶקט דאָס געֶהיימניס ווי אַזוֹי דעֶם טהראָן אָבצוּוועֶגעֶן, איז עֶר אַרעֶטירט אוּנד אַוועֶקגעֶזעֶצט געֶווארעֶן אין אַ געֶפעֶנגניס אוּנד נאָך אין דעֶמזעֶלביגעֶן טאָג האָט מען איהם געֶשטעֶלט פאַר אַ געֶריכט, וואוּ דעֶר מיניסטעֶר יאָהאַן איז דעֶר פּרעֶזירעֶנט געֶוועֶזעֶן.

— העֶר אוּיס, גרשם, האָט יאָהאַן צוּ איהם געֶזאָגט — אוּיף דעֶם חשד, דאָס דוּ האָסט פוּן דעֶם קייזעֶרליכעֶן שאַטצקאַמעֶר מעֶהר זילבעֶר געֶנוּמעֶן, וויפיעֶל דוּ האָסט בּעֶדאַרפט, איז יעֶצט בּעֶקאַנט געֶוואָרעֶן, דאָס דוּ האָסט דריי אוּנד אַ האַלבּ צעֶנטנעֶר זילבעֶר געֶ׳גנבעֶ׳ט... נאָך מעֶהר האָסט דוּ דיך פערזינדיגט מיט דעֶם, וואָס דוּ האָסט עֶרקלעֶרט, דאָס דוּ ווייסט ניט, ווי דעֶם טהראָן אָבצוּוועֶגעֶן. דאָס אַליין איז שוין געֶנוּג דיך צוּם טוֹיט צוּ פעֶראוּרטהיילעֶן!

— דאָס קעֶנט איהר ניט, — האָט רבי גרשם רוּהיג געֶעֶנטפעֶרט — איידעֶר איהר האָט דעֶם טהראָן אָבגעֶוואָגעֶן אוּן איידעֶר איהר האָט איך איבּעֶרצייגט, דאָס איך בּין ווירקליך אַ גנב!

— אָה! מיר האָבּעֶן זיך שוין געֶנוּג איבּעֶרצייגט, דעֶן מיר האָבעֶן שוין דעֶם טהראָן אָבגעֶוואָגעֶן... מיר האָבעֶן עֶס געֶטהוּן נאָך דיין מעֶטהאָדעֶ. מיר האָבּעֶן אַוועֶקגעֶשטעֶלט אַ שיף אין וואַסעֶר אוּנד געֶמאַכט אַ צייכעֶן אַ׳ן שיף בּיי דעֶם פּלאַטץ, וואוּ דאָס וואַסעֶר האָט געֶגרייכט, דאַן האָבּעֶן מיר אוּיף דעֶם שיף אַוועֶקגעֶשטעֶלט דעֶם טהראָן אוּנד אַלס די שיף איז פוּן דעֶר משא ניעֶדריגעֶר אַרוּנטעֶרגעֶזוּנקעֶן, האָבּעֶן מיר אַ צווייטעֶן צייכעֶן געֶמאַכט. נאָך דעֶם האָבעֶן מיר געֶלאָזט דעֶם טהראָן אַרוּנטעֶרנעֶמעֶן אוּן די שיף אָנגעֶפילט מיט שטיינעֶר בּיז דעֶם צייכעֶן וואָס איז נאָך דעֶם טהראָן געֶמאַכט געֶוואָרעֶן. אוּנד דאַן, אַלס מיר האָבּעֶן די שטיינעֶר אָבגעֶוואָגעֶן, האָבּעֶן מיר געֶפוּנעֶן, אַז עֶס פעֶהלעֶן גאַנצעֶ דריי אוּנד אַ האַלבּ צעֶנטנעֶר זילבּעֶר. דאָס הייסט: דוּ האָסט פוּן שאַטצקאַמעֶר דריי אוּנד אַ האַלבּ צעֶנטנעֶר זילבּעֶר מעֶהר געֶנוּמעֶן, וויפיעֶל דעֶר טהראָן וועֶגט. יעֶצט זאָג מיר, האָבּעֶן מיר דעֶן ניט ריכטיג געֶטהוּן, ווי דוּ האָסט דיין ווייב געֶזאָגט?

ווי פוּן אַ גיפטיגעֶ שלאַנג געֶבּיסעֶן, איז רבי גרשם פוּן זיין פּלאַטץ אָבגעֶשפּרוּנגעֶן אוּנד איז בּלייך געֶוואָרעֶן ווי אַ טוֹיטעֶר. דעֶר געֶדאַנקעֶן אַז זיין ווייב האָט איהם פעֶרראַטהעֶן, איז איהם שרעֶקליכעֶר געֶוועֶזעֶן ווי דעֶר טוֹיט. עֶר האָט זיין מוֹיל געֶעֶפעֶנט אוּנד האָט זיך געֶוואָלט פעֶרטהיידיגעֶן אָבּעֶר עֶר האָט קיין איינציגעֶס וואָרט ניט געֶקעֶנט אַרוֹיסבּרעֶנגעֶן, ווייל זיינעֶ ליפּעֶן זעֶנעֶן אַזוֹי ווי פּאַראַליזירט געֶוועֶזעֶן.

— דוּ שווייגסט? — האָט יאָהאַן מיט פעֶרבּאָרגעֶנעֶ פריידעֶ אוֹיסגעֶרוּפעֶן — אַלזאָ בּיסט דוּ מוֹדה אַז דוּ בּיזט שוּלדיג?

— ניין, איך בּין אוּנשוּלדיג! — האָט רבי גרשם געֶעֶנטפעֶרט, אַלס עֶר איז עֶנדליך צוּ זיך געֶקוּמעֶן — אָבּעֶר איידעֶר איך וועֶל מיך פעֶרטהיידיגעֶן,

ויל איך וויסען, צי איז דאס אמת, אז מײן ווײב מעליטטא האט איך דעם סוד ענטדעקט ?.

יאהאן האט א וואונק געטהון צו זײן פלימעניק מיחאיל, וואס איז דא אין געריכט געווען.

מיחאיל איז צו רבי גרשם צוגעגאנגען אונד האט איהם אין אויער ארײנגעשושקעט:

— ווארום צווײפעלסט דו ?... געוויס האט מיר מעליטטא דעם סוד אויסגעזאגט!... זי האט דאס געטהון אויס ליעבע צו מיר... זי האט מיך שוין פריהער, איידער זי האט מיט דיר חתונה געהאט, געליעבט, אונד איך יעצט איז זי מיר אזוי גוט ווי א ווײב!...

— דו ביסט א ליגנער! — האט רבי גרשם אויסגעשריען.

— אה!... דו ווילסט א סימן? — האט דער לומפ לאכענדיג געענטפערט — גוט, איך קען עס דיר געבען!... ווילסט דו וויסען, וואו דער רינג, וועלכען דער קײזער האט דיר געשענקט איז אהינגעקומען? ער איז בײ מיר!... מײן געליעבטע מעליטטא האט איהם בײ דיר צוגענומען, ווען דו האסט איהם אויף א ווײלע פון דײן פינגער אויסגעטהון אונד האט איהם מיר אוועקגעשענקט... נו? וואס וועסט דו יעצט זאגען?

די לעצטע ווערטער האט רבי גרשם שוין נישט געהערט, דען מיט איין אויסגעשריי פון שרעק איז ער אהנמעכטיג אויף דער ערד צוזאמען־געבראכען.

אויף יאהאנ׳ס בעפעהל האט מען איהם אבגעמינטערט, אונד אלס ער איז ווידער צו זיך געקומען, האט ער איהם געפרעגט:

— ווילסט דו זיך יעצט מודה זײן, אז דו ביזט שולדיג?

— איך בין אונשולדיג! — האט רבי גרשם מיט א שוואכער שטימע געענטפערט — אויב עס איז ווירקליך פון דעם זילבער גע׳גנב׳עט געווארען, האבען דאס מײנע ארבײטער געטהון.

— אונד ווארום האסט דו דעם קײזער נישט געוואלט זאגען, ווי אזוי דעם מורהאן אבצווועגען?

— איך האב נור דערמיט געוואלט אויסמײדען דעם צארן פון מײנע פײנד!

— דאס איז נאר א פוסטער אויסרײד!... דו ביזט א גנב!... איך פערמאהל דיך צום טויט!... דו מוזט אויפגעהאנגען ווערען אויף א בוים אזוי ווי אלע גנבים!

— מיר זענען אלע מסכים צו דעם משפט! — האבען די איבריגע ריכטער אין איין קול אויסגערופען — ער מוז אויפגעהאנגען ווערען!

אויף א ווינק פון דעם מיניסטער יאהאן, זענען צווײ געריכטס־דיענער צו רבי גרשם צוגעגאנגען, האבען איהם געשמידט אין קײטען אונד האבען איהם צוריק אין געפענגניס אבגעפיהרט.

אלס יאהאן איז געקומען צום קײזער אונד האט איהם דעם אורטהײל צום אונטערשרײבען פארגעלעגט, האט דער קײזער דעם דאקומענט נישט אונטערגעשריעבען.

— אזא טויט האט ער נישט פערדיענט — האט דער קײזער געזאגט — מיר קענען איהם נאר אלס פאליטישען פערברעכער בעשטראפען, אונד איך וועל שוין שפעטער עפיס א שטראף פאר איהם אויסטראכטען.

דער גוטער קייזער האט אין גרונד הארצען אין רבי גרשם'ס שולד נישט גע־גלויבט אונד האט איהם געוואָלט צייט געבען זיין אונשולד צו בעווייזען. ער האט אייך געהאָפט, אז רבי גרשם וועט צו איהם קומען מיט דעם רינג אין דער האנד און וועט ביי איהם גנאדע בעטען.

אָבער יאָהאַן האט דעם קייזער'ס געדאנקען פערשטאנען.

— אומזיסט איז דיין ווארטען, מאַיעסטעט! — האט ער צום קייזער געזאָגט

— ער האט שוין דעם רינג נישט... געוויס האט ער איהם פערקויפט!... וואס פאר א ווערטה האט ביי א אידען א קייזער'ליכער פרעזענט?... דו ביזט אזוי שטאָלץ אויף דעם טהראָן, וועלכען ער האט פאר דיר געבויעט, אָבער ווי לאנג וועט דער שטאָלץ דויערן?... בלייבט דער איד לעבען, וועט ער אזעלכע טהראָנען פאר אנדערע קייזער אונד קעניגע מאכען, דען וואס טהוט דען נישט א איד פאר געלד?

דאס האט אויף דעם קייזער געווירקט.

— דו ביזט גערעכט, — האט דער קייזער געענטפערט — ער מוז שטארבען! אונד מיט איהם וועט אויך זיין קונסט בעגראָבען ווערען!

נאָך אין דעם זעלבּיגען טאג האט דער קייזער דעם אורטהייל אונטער־געשריבען.

---

צוועלפטעס קאפיטעל.

## אין געפענגניס.

טיעף אונטער דער ערד אין א פינסטערן אונד א פייכטען קעלער, מיט שווערע אייזערנע קייטען אויף די הענד אונד אויף די פיס, איז רבי גרשם אויף זיין הארטען געלעגער פון א ביסעל שטרוי טאג אונד נאכט געלעגען.

פאר דעם טויט האט ער זיך, ווי אלע גרויסע גייסטער אונד ווי דאס רוב אונשולדיגע, נישט געשראָקען; עס האָבען איהם נאר געשראָקען זיינע אייגענע געדאנקען.

אונד דיעזע געדאנקען פלעגען איהם אויסמאָלען שרעקליכע בילדער.

ער האט אין זיינע געדאנקען זיין צווייטע פרוי מעליטטא געזעהן, ווי זי ליגט אין די אָרעמס פון דעם יונגען גארדיסט מיחאל, ווי זי פערקויפט איהם איהר ליעבע וואס געהערט צו א י ה ם, ווי זי מאכט חוזק פון דעם בעטראָגענעם מאַן!

אונד ער האט איהר אזוי געליעבט... ער האט אין איהר ליעבע געגלויבט!...

ווארום האט ער זיך געלאָזט איינרעדען אונד האט א צווייטע פרוי גענומען!

איז ער דען נישט געווען גליקליך געווען מיט זיין טרייע דבורה אליין?...

נאר אין האפנונג איז איהם נאָך איבערגעבליבען. ער האט געהאָפט, אז אין דער לעצטער מינוט, וועט נאָך דער גוטער קייזער חרטה האָבען אונד וועט איהם בעגנאדיגען.

— ווען איך זאל נאר קענען דעם קייזער מודיע זיין, אז זיין רינג איז פון מיר שוועקגע'גנב'עט געוואָרען! — האט ער ביי זיך געטראַכט.

אין עטליכע טעג אַרום איז דער וועכטער פון געפענגניס צו איהם אַריינגעקומען אונד האָט די קייטען פון זיינע הענד אונד פיס אַרונטערגענומען.

— ביזן איך בעגנאַדיגט? — האָט איהם רבי גרשם האַסטיג געפרעגט.

— ניין, — האָט דער וועכטער מיט אַ טרויעריגער מינע געענטפערט — דער קייזער האָט נאָר די שטראָף אומגעביטען. דו וועסט נישט בעשטראָפט ווערען אַלס איינפאַכער גנב, נאָר אַלס פּאָליטישער פערברעכער!

— אונד ווי ווערען אַזעלכע פערברעכער בעשטראָפט?

— מען זעצט זיי אַריין אין אַ טהורם אונד מען לאָזט זיי אַזוי לאַנג הונגערן, ביז זיי שטאַרבען פון הונגער.

— אָה, מיין גאָט! האָט רבי גרשם שוידערנדיג אויסגערופען.

דער וועכטער האָט איהם מיט רחמנות אָנגעקוקט.

— ווילסט דו פאַר מיר עפּיס טהון? — האָט איהם רבי גרשם געפרעגט.

— זעהר גערן, אויב עס איז נאָר מעגליך.

— עס איז אַ קלייניגקייט!... דו דאַרפסט נאָר דעם קייזער מעלדען, אַז דעם רינג, וועלכען ער האָט מיר אַמאָל געשענקט, האָט מען ביי מיר געגנב'עט!

— אָה. דאָס טאָר איך נישט טהון!... איך האָב מורא פאַר דעם מיניסטער יאָהאַן, וואָס וויל דורכאויס דיין טויט... ער וועט דאָס מיר נישט שענקען אונד וועט מיך פערפאָלגען ביז'ן טויט.

מיט דיזע ווערטער איז דער וועכטער אַוועקגעגאַנגען.

נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך די טהיר פון קעלער ווידער געעפענט אונד דער מיטראָפּאָליט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אין געפענגניס שטילערהייד אַריינגעקומען.

ער האָט רבי גרשם, וואָס האָט געשלאָפען, מיט זיין האַנד בעריהרט, האָט איהם אויפגעוועקט אונד האָט צו איהם געזאָגט:

— אַזוי רוהיג שלאָפען קען נאָר דער עהרליכער, אונשולדיגער מענש. אונד אַז דו ביזט אונשולדיג, רבי, ווייס איך זעהר גוט; איך ווייס אויך, אַז ווען נישט דער פערדאָרבענער יאָהאַן, וואָלסט דו אין אַזאַ טרויעריגער לאַגע נישט געקומען.

— ווען אַזוי, — האָט זיך רבי גרשם אָבגערופען — וואָרום זאָלסט דו ביי דעם קייזער מיין פרייהייט נישט אויסווירקען?

— דערווייל איז יאָהאַן נאָך צו מעכטיג אונד איך האָב מורא פאַר איהם; אונד דאָך וויל איך דיר העלפען, אויב דו וועסט מיין ראַטה פאָלגען.

— וואָס דאַרף איך טהון?

— זעה רבי, דו ביסט ביי מיר טהייער און געעהרט. דיין גרויסע קלוגשאַפט שיינט פון דיין געזיכט און זי קען דיך דערהויבען צו ווערען אַ וויצע-קייזער. די לעג דיר פאַר לעבען, פרייהייט, רעגיערונג, עהרע, רייכטהום און גרויסקייט, ווען דו זאָלסט מיך נאָר פאָלגען — זאָלסט פערלאָזען דיין רעליגיאָן און איבערגעהן צו'ם קריסטענטהום.

— דער טויט איז ביי מיר טהייערער, ווי צו פערלאָזען מיין רעליגיאָן.

— זיי נישט קיין עקשן רבי! דער מיניסטער יאָהאַן איז שוין פערטיג ביי אַלע לאַנדעס-איינוואָהנער און פערפיינדעט ביי זיי. פאָלג וויבער מיר אַז דו וועסט מיך

פֿאָלגען. — געה איך גלייך צום קייזער און דערצעהל איהם דיין בעשלוס, איך וועל אראָבריימען די מאַסקע וועלכע דער מיניסטער יאָהאַן טראָגט, דאָן געהסט דו אַרויס פון געפענגניס צו רעגירען אַזוי ווי אַמאָל יוסף אין מצרים און אויף דיין שטעלע ווערט געטוידטעט וועדען יאָהאַן.

— לאָז מיך אָב געעהרטער העדר! לאָז מיך בעסער שטאַרבען דעם הונגער-טויט! עס איז מיר ליעבער אָבצוגעבען מיין לעבען פון די וועלט וועלכעס איז נאָר איבערגעהענד איידער איך זאָל דאָס איינטוישען און פערליערען דעם עבּיגען לעבען און גאָט׳ס געבאָד.

— דו דערמאַהנסט נאָך דיין גאָט׳ס געבאָד און ברענגסט נאָך זיין נאָמען אויף דיינע ליפּען? פאַר וואָס בעהאַלט ער זיך פון דיר און לאָזט דיך שטאַרבען אַלס זינדיגער אָבוואָהל דו ביסט אונשולדיג?

— ווייל אַזוי וויל ער, דער ערהאַבענער און הייליגער. און אפשר וועט מיין טויט זיין אַ כפּרה אויף אַלע מיינע זינד וועלכע איך בין בעגאַנגען געגען איהם אין מיין לעבענס-טאָג, און דאַפיר וועל איך געניסען פון די גוטעס וועלכע גאָט בעהאַלט אויף יענער עבּיגער וועלט פיר זיינע דיענער. אך! איך וואָלט געקענט נאָך וואָלט נאָך לעבען, איך זאָל קענען גוטעס טהון מיט מיינע קענטניסע וועלכע איך בעזיץ, אָבער קויפען מיר לעבען און פערהייטען פיר דעם זינדען-פּרייז וואָס דו לעגסט מיר פאָר, זאָל מיך גאָט אָבהיטען.

— מיין גוטע עצה רופסט דו אָן מיט דעם נאָמען זינדען-פּרייז?

— געוויס! עס גיבט נישט קיין גרעסערע זינד ווי דער וואָס וואַרפט אַוועק די רעליגיאָן וועלכע ער האָט איבערגענומען פון זיינע עלטערן און האָט אונטער איהר אָבגעלעבט אַ גרויסען טהייל פון זיינע יאָהרען.

— אויב אַזוי קען איך דיר גאָרנישט העלפען, און דו וועסט שטאַרבען דורך דיין עקשנות.

— אויב גאָטס ווילען וועט זיין מיך צו רעטען פון טויט בין איך זיכער אַז איך וועל יעצט נישט שטאַרבען, נאָר אויב ער האָט גוזר געוועזען אַז איך זאָל יעצט שטאַרבען, און ער וויל מיך דערמיט בעשטראָפען, וועסטו דו מיין העדר מיר אויך נישט קענען העלפען, דען נאָר ביי גאָט אין האַנד איז לעבען און טויט און נישט אין קיין מענשען-האַנד.

— איך וויל דיר גערן העלפען, רבי, נאָר דו אַליין ווילסט זיך נישט רעטען פון די צרה.

— איך וויל נישט געבען דעם פּרייז וועלכען דו פאָדערסט.

— אויב אַזוי קענסט דו זיך גרייט מאַכען צום טויט וועלכער איז דיר נאָהנט.

— איך בין בערייט צו געהן צום טויט אַזוי ווי איינער געהט צום טאַנץ און גאָט ניב איך איבער מיין גייסט און מיין נשמה.

— איז דאָס דיין לעצטעס וואָרט?

— מיין לעצטעס!

---

## דרייצעהנטעס קאפיטעל.

# א פאלשע האפנונג.

דאס אונגליק, וואס האט אזוי אונערוואַרטעט אריינגעבראכען אין רבי גרשם'ס הויז, האט די גוטע אונד פרומע דבורה אין גאנצען צעבראכען. א לאנגע צייט איז זי ווי פאראליזירט אין איהר צימער געלעגען אונד האט איהר טיעפען שמערץ אין ביטערע טרעהרען אויסגעגאסען. ערשט אין עטליכע טעג ארום, ווען זי האט ערפאהרען, אז איהר מאן איז פערארטהיילט צום טויט, האט זי אין איהר האלב-טויטען קערפער ווידער לעבען בעקומען אונד האט מיט געוואלד איהרע קרעפטען צוזאמענגענומען, אום עפּיס צו טהון.

איהר ערשטער גאנג איז געוועזען צום רב פון קאנסטאנטינאפאל, האפענדיג, אז ער, דורך זיין גרויסען איינפלוס קען עפּיס העלפען. אבער דער רב האט איהר גע-ענטפערט, אז אין דעם פאל האט זיין איינפלוס קיין שום ווערטה, ווייל דער נעגער, דער מיניסטער יאהאן, איז פיעל מעכטיגער פון איהם.

דיזעלביגע תשובה האט זי בעקומען פון יעדען איינעם, צו וועלכען זי האט זיך געווענדעט מיט דער בקשה, איהר מאן צו העלפען.

איהר יאמער איז נאך גרעסער געווארען, ווען זי האט בעמערקט, דאס מעליטטא ווערט פון טאג צו טאג אלץ לוסטיגער אונד פוצט זיך נאך מעהר ווי פריהער. עס איז איהר געקומען אויף די געדאנקען דער רעיון, פיליייכט שטאמט דאס אונגליק פון דיזער פערדארבענער פרוי, אונד האט זיך פארגענומען איהר נאכצושפיאנירען.

זי [illegible] באלד אויסגעפונען, אז מעליטטא בעזוכט טאג-טעגליך א געוויסען וויין-האנדעל, וואו זי פערברענגט גאנצע שטונדען.

זי האט זיך געמאכט א גאנג צו יענעם וויין-האנדעל, אונד פאר א פאר דוקא-טען, מיט וועלכע זי האט איינעם פון די משרתים אונטערגעקויפט, האט זי פון איהם ערפאהרען, דאס מעליטטא קומט דא צוזאמען מיט א יונגען אפיציער פון דער קייזער-ליכער גארדע, וואס איז געוויס איהר געליעבטער.

— איך וויל הערען, וואס זיי רעדען צווישען זיך! — האט דבורה צו איהם געזאגט.

— אה, דאס איז זעהר לייכט — האט ער איהר געענטפערט.

ער האט איהר דורכגעפיהרט א לאנגען קארידאר אונד האט איהר אריינגע-פיהרט אין א לעדיגען צימער.

— אין צווייטען צימער זיצט מעליטטא אונד ווארט אויף דעם אפיציער, וואס דארף באלד קומען — האט ער צו איהר געזאגט — דורך דעם שליסעל-לאך קענט איהר זיי בעיידען זעהן אונד ווייל די וואנד איז זעהר דין, קענט איהר אלעס הערען, וואס זיי רעדען.

דער משרת איז אוועקגעגאנגען אונד דבורה איז געבליבען איינע אליין.

דורך דעם שליסעל-לאך האט זי געזעהן, ווי מעליטטא זיצט ביי א טיש, א[illegible] דיעלבען עס איז געשטאנען א פלאש וויין מיט טרינק-גלעזער

די מהיר אין צווייטען צימער האט זיך געעפענט אונד מיכאיל איז אריינגעקומען.

מעליטטא איז האסטיג צו איהם צוגעלאפען, האט זיך אריינגעווארפען אין זיינע ארעמס אונד האט אויסגערופען:

— דו האסט מיר היינט צופיעל געלאזט ווארטען, געליעבטער!... איז דאס שיהן פון דיר?

— דו מוזט מיר פערצייהען, מיין טהייערע מעליטטא! — האט ער געענט־פערט — דו ווייסט דאך, איך בין איין אפיציער אונד מיין צייט געהערט מיין קייזער... ווען איך וואלט נישט דארפען פון דיר אבשיער נעהמען, וואלט איך יעצט נישט געקומען!

— אבשיער?... אונד וואוהין געהסט דו שוין ווידער?

— מיר האבען שוין ווידער קריעג אונד איך מוז מיט מיין רעגימענט אויסציהען!

— אויף ווי לאנג?

— ווער ווייס? פיליייכט אויף א יאהר, פיליייכט אויף נאך לענגער!

— אבער דו קענסט מיך דאך מיטנעהמען!

— וואס רעדסט דו פאר נארישקייטען?! א פרויענצימער אין מלחמה, דערצו נאך א פרעמדע... ווי וועט דאס אויסזעהן?

— וואס הייסט א פרעמדע? מיר קענען דאך חתונה האבען!... דאס איז דאך שוין ביי אונז אנ'אבגעמאכטע זאך!

— יא, אבער...

— אבער וואס?... הי האסט אפשר חרטה?

— ווי קענסט דו פון מיר אזוי שלעכט דענקען, טהייערע מעליטטא! דו ווייסט דאך ווי טיעף דו זיצסט מיר אין הארצען... וואס זאל איך אבער טהון מיט מיין פעטער? ער וויל פון דעם נישט הערען אונד נישט זעהן!

— אונד דו ווילסט איהם פאלגען?

— איך מוז איהם פאלגען!... איך בין זיין איינציגער יורש פון זיין גרויסען פערמעגען, אונד קוים וועל איך איהם נישט פאלגען, וועט ער די ירושה אין א גרן אבזאגען!

מעליטטא איז בלאס געווארען ווי א שטיק קרייד אונד מיט א וויינענדיגע שטימע האט זי אויסגערופען:

— איז דאס דיין ליעבע צו מיר? איז דאס דער דאנק פאר אלע ניעדערטרעכטיגקייטען, וואס איך בין צוליעב דיר בעגאנגען?

— הער אויס, מעליטטא!... וואס עס קען נישט זיין, דארפסט דו נישט פערלאנגען... מיין פעטער וויל נישט אונד איך קען געגען זיין ווילען נישט געהן; אבער מיין פעטער איז גאר נישט אזוי שלעכט, ווי דו מיינסט. פאר דאס אלעס, וואס די האסט פאר אונז געטהון, שיקט ער דיר טויזענד דוקאטען.

ביי דיעזע ווערטער האט ער איהר דערלאנגט א בייטעל מיט געלד.

— נעהם דיין געלד צוריק, דו עלענדער באנדיט! — האט מעליטטא אויסגע־שריגען אונד האט איהם דאס געלד צו די פיס געווארפען — יעצט זעה איך שוין מיט

יאָם פאַר אַ באַנדיט איך האָב געהאַט צו טהון, אָבער נאָט וועט עס דיר נישט שווײַגען, זײַן פלוך וועט דיך בעגלײַטען אויף שריט אונד טריט!

— חאַ! חאַ!... די רופסט נאָט צו היליף, דו? אַ פרוי, וואָס האָט איהר אײגענעם מאַן פערקויפט צו זײַנע פײַנד? אַזאַ פרוי הערט קײַן נאָט נישט!... איך לאַך מיך פון דיר אויס, מעליטטאַ, אונד פון דײַנע קללות!

אונד אונטער אַ געלעכטער איז ער פון צימער ארויסגעגאַנגען.

אַ לאַנגע צײַט איז מעליטטאַ געזעסען אונבעוועגליך אונד האָט געווײַנט, דאַן זענען איהר אין קאָפּ אַנדערע געדאַנקען געקומען.

— זאָל ער געהן צו אַלע רוחות! — האָט זי אויסגערופען — איך קען קריגען בעסערע פון איהם... איך בין נאָך גענוג יונג אונד שעהן אונד באַלד וועל איך שוין אויך אַן אַלמנה זײַן... אַ יונגע אלמנה מיט שעהנהײַט אונד מיט געלד, קען טויזענד בעלנים קריגען!

זי האָט צוזאַמענגענומען דאָס געלד אונד איז אַוועקגעגאַנגען.

דבורה האָט דאָס פון צווײַטען צימער אַלעס געזעהן אונד געהערט.

— איך בין די שולדיגע! — האָט זי ווײַנענדיג צו זיך געזאָגט — איך האָב איהם צוגערעדט מיט אַזאַ שלאַנג חתונה צו האָבען; אָבער עס מעג מיר קאָסטען מײַן לעבען, איך מוז איהם ראַטעווען!

---

פיערצעהנטעס קאַפּיטעל.

# די מאַכט פון ליעבע.

פון יענעם טאָג אָן, אין וועלכען דבורה האָט דעם בעזוך אין ווײַנהאַנדלונג געמאַכט אונד האָט דאָרטען די גאַנצע אינטריגע געגען איהר מאַן ערפאַהרען, האָט זי מיט מעליטטאַ'ן יעדען מגע ומשא אָבגעבראָכען אונד האָט מיט איהר קײַן אײנציגעס וואָרט נערעדט.

אַלע איהרע געדאַנקען, סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט, האָבען זיך נאָר ארום אײן אײנציגען פונקט ארומגעדרעהט: איך מוז בעפרײַען מײַן מאַן, ווען דאָס זאָל מיר אַפילו מײַן לעבען קאָסטען!

די אונבעגרענצטע ליעבע צו איהר מאַן האָט איהר דערצו די נויטהיגע ענערגיע געגעבען, חאָטש זי האָט נאָך נישט געוואוסט, ווי אַזוי זי זאָל דאָס אָנפאַנגען.

ענדליך האָט זי זיך דערמאַהנט אָן דער פּרינצעסין טהעאָדאָראַ, וועלכע איהר מאַן האָט געראַטעוועט פון טויט.

— זי וועט מיר העלפען! — האָט זי אין פרעהדיגער האָפנונג אויסגערופען — זי וועט מיר אַן אוירענץ בײַ דעם קײַזער פערשאַפען!

זי האָט נישט לאַנג געוואַרט אונד איז אַוועקגעגאַנגען צום קײַזערליכען פּאַלאַץ, אום די פּרינצעסין אויפצוזוכען.

אָבער קיין איינציגער פון די קאַמער-הערען און קיין איינציגע פון די קאַמער-פרויען האָבען איהר צו דער פּרינצעסין נישט צוגעלאָזען.

אַלע האָבען געוואוסט דעם צוועק פון איהר בעזוך, און האָטש זיי האָבען מיט איהר גרויס רחמנות געהאַט, האָבען זיי דאָך נישט געוואָגט איהר צו דער פּרינצעסין צוצולאָזען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם מיניסטער יאָהאַן.

— עס בלייבט מיר נאָר איין מיטעל, — האָט די אונגליקליכע צו זיך געזאָגט — איך וועל וואַרטען ביז די פּרינצעסין וועט אויספאָהרען שפּאַצירען, דאַן וועל איך מיט איהר קענען רעדען!

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון פּאַלאַץ און האָט געוואַרט. אין אַ שטונדע אַרום איז דער קייזערליכער עקיפּאַזש מיט דער פּרינצעסין ווירקליך אַרויסגעפאָהרען פון פּאַלאַץ, אָבער ווייל די פערד זענען זעהר האַסטיג געלאָפען, האָט זי צו דעם עקיפּאַזש נישט געקענט צוקומען.

אַ שטראָם טרעהרען האָט זיך פון דבורה'ס אויגען אַרויסגעגאָסען, אָבער זי האָט נאָך איהר האָפנונג נישט פערלוירען און איז געבליבען שטעהן אויף איהר פּלאַטץ.

— איך וועל וואַרטען, ביז זי וועט צוריקקומען, — האָט זי צו זיך געזאָגט — און דאַן וועט מיך שוין קיין מאַכט אין דער וועלט נישט אָבהאַלטען מיט דער פּרינצעסין צו רעדען!

אין אַ שטונדע אַרום האָט זי דערזעהן דעם עקיפּאַזש צוריקפאָהרענדיג, און שנעל ווי אַ בליטץ האָט זי זיך פאַר די פערד געוואָרפען און האָט אויסגערופען:

— העלף, פּרינצעסין!... העלף איין אונגליקליכע פרוי!

דער קוטשער האָט קוים צייט געהאַט די פעריגדיגע רעדער איינצוהאַלטען, און די פּרינצעסין, וואָס האָט דעם פערצווייפעלטען רוף געהערט, האָט זיך אַ צושראָקענע אין דעם פענסטער פון דעם עקיפּאַזש בעוויזען.

— ווער זייט איהר און וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט זי ציטערנדיג געפרעגט.

— איך בין רבי גרשם'ס ווייב... מיין מאַן איז פעראורטהיילט צום טויט... איהר מוזט מיר העלפען... איהר מוזט איהם ראַטעווען!

— אָבער וואָרום זייט איהר צו מיר אין פּאַלאַץ נישט געקומען?

— אייערע דינער לאָזען מיך צו אייך נישט אַריין, גנעדיגע פּרינצעסין!

— זעצט אייך צו מיר אין וואָגען. איך וועל אייך אַריינפיהרען אין פּאַלאַץ און דאָרטען וועט איהר מיר אַלעס דייטליך ערקלערען.

אַלס די פּרינצעסין האָט עטליכע מינוט שפּעטער דבורה'ן אַריינגעפיהרט אין איינעם פון איהרע פּרעכטיגע סאַלאָנען, האָט זי איהר זעהר פריינדליך איינגעלאַדען צו זיצען און האָט איהר אויפגעפאָדערט איהר צו ערקלערען, אום וואָס עס האַנדעלט זיך.

אונטער שטראָמען הייסע טרעהרען האָט איהר דבורה קלאָר געמאַכט מיט דעם גאַנצען אינהאַלט פון דער אינטריגע געגען איהר אונשולדיגען מאַן. ווי אַזוי מען האָט איהם פעראורטהיילט צום טויט, האָטש זיין שולד איז מיט קיין זאַך נישט בע

וויזען געוואָרען אונד ווי אַזוי די אינטריגע איז פון דעם מיניסטער יאָהאַן, פון זיין פּלימעניק מיכאַיל אונד פון מעליטאַ'ן געוועבט געוואָרען.

זי האָט איהר אַלעס דעטאַליך ערקלערט, נאָר וועגען דעם פערלאָרענעם רינג האָט זי גאָר נישט דערמאָהנט, וויל זי האָט נישט געקענט אָנגעבען ווי אַזוי דער רינג איז פערלאָרען געגאַנגען.

— הייליגער גאָט! — האָט די פּרינצעסין אויסגערופען אונד איז בלאַס אונד ציטערנדיג פון איהר שטוהל אויפגעשפּרונגען — אַזאַ נידערטרעכטיגקייט זאָל בעגאַנגען ווערען מיט דעם בעסטען אונד עדעלסטען מענשען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל!... אַה, ווי אונדאַנקבאַר געגען אַ מענשען, וואָס האָט טעג אונד נעכט איבער מיר געוואַכט, אום מיך פון טויט צו ראַטעווען; געגען אַ מענשען וואָס האָט גאַנצע מאָנאַטען געאַרבייט, אום פאַר דאָס לאַנד דעם שענסטען טהראָן פון דער וועלט צו שאַפען!... אַבער זייט רוהיג. ליעבע פרוי, דאָס וועט נישט געשעהן!... איהער מאַן מוז בעפרייט ווערען!... בלייבט דאָ אין מיין צימער... איך געה צום קייזער אונד איך בין זיכער, אַז איך וועל אייך באַלד איהער מאַן'ס פרייהייט ברענגען!

דבורה האָט זיך געוואָרפען די פּרינצעסין צו די פיס, אום איהר צו דאַנקען, אַבער די פּרינצעסין האָט איהר שוין נישט געהערט. האַסטיג איז זי פון צימער אַרויסגעגאַנגען אונד האָט זיך געווענדעט צום קייזער'ס קאַבינעט.

ווי גרויס איז אַבער איהר איבעראַשונג געוועזען, אַלס דער אָפיציער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער טהיר פון קאַבינעט, האָט איהר ערקלערט, דאָס זי קען צום קייזער נישט אַריינקומען, וויל זיינע מאַיעסטעט האָט בעפוילען קיין מענשען צו איהם נישט אַריינצולאָזען.

— מיר אויך נישט? — האָט זי געפרעגט.

— אייך אויך נישט, האָהייט!

— גוט!... דאַן וועל איך מיר דעם איינטריט אַליין פערשאַפען!

אונד מיט דיעזע ווערטער האָט זי דעם אָפיציער אָבגעשטויסען פון טהיר אונד איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט.

דער קייזער האָט איהר העכסט איבעראַשט אונד זעהר נישט פריינדליך אָנגעקוקט.

— ווי וואַגסט דו, טהעאָדאָראַ, נישט גערופענערהייט צו מיר אַריינצוקומען — האָט איהר דער קייזער געפרעגט.

— דאָרטען, וואו עס האַנדעלט זיך אין אַנגשטיגען מענשען פון טויט צו ראַטעווען, וואַג איך אַלעס! האָט זי אונגערשראָקען געענטפערט.

-- אונד ווער איז דער מענש?

— רבי גרשם, מיין רעטער!

— אַח, אומזיסט איז דיין מיה, טהעאָדאָראַ!... ער איז פערלוירען... ער מוז שטאַרבען!... איך קען איהם נישט העלפען.

— ווי?... דו קענסט איהם נישט העלפען?... דו... דער קייזער...

— איך האָב איהם די מעגליכקייט געגעבען זיך פון יעדער נויטה אַרויסצו

העלפען. איך האב איהם דערצו מיינעם א רינג געגעבען, ווארום קומט ער צו מיר מיט דעם רינג נישט ?

— אבער עס קען דאך זיין, אז זיינע פיינד האבען ביי איהם דעם רינג גע׳גנב׳עט !

דאס האט אויף דעם קייזער געווירקט. ער האט איינגעזעהן, אז עס איז זעהר וואהרשיינליך, דאס אימיצער האט ביי איהם דעם רינג גע׳גנב׳עט, אום איהם יעדע הילף אבצושניידען. א לאנגע צייט איז ער טראכטענדיג ארומגעגאנגען אין קאבינעט אהין אונד אהער. דאן איז ער געבליבען שטעהן אונד האט אויסגערופען :

— נאר דיר צוליעב, טהעאדארא, וועל איך דעם פערווארטהיילטען בעגנאדיגען... אויב ער זיצט נאך אין געפענגניס וועט ער באלד בעפרייט ווערען, האט מען איהם אבער שוין איבערגעפיהרט צום „הונגער־טהורם", דאן קען איך איהם נישט העלפען !

אין דער געגענווארט פון דער פרינצעסין האט דער קייזער איינעם פון זיינע אדיוטאנטען געשיקט אין געפענגניס מיט דעם בעפעהל, רבי גרשם ארויסצולאזען פריי.

אבער דער בעפעהל איז שוין צו שפעט געוועזען. דער אדיוטאנט איז באלד צוריקגעקומען מיט דער מעלדונג, דאס רבי גרשם זיצט שוין אין הונגער־טהורם.

דער מיניסטער יאהאן, וואס האט דעם קייזערס גוטהערציגקייט געקענט, האט שוין פריהער געגעבען דעם בעפעהל דעם אונגליקליכען רבי גרשם אין הונגער־טהורם איבערצופיהרען, וויל ער האט געוואוסט, אז נאך די געזעטצען פון דעם לאנד קען איהם פון דארטען אפילו דער קייזער אליין נישט בעפרייען.

וויינענדיג האט זיך די פרינצעסין צו דבורה׳ן אומגעקעהרט אונד האט איהר די בייזע בשורה געבראכט.

א לאנגע צייט איז דבורה פאר שרעק אונד פאר שמערצען ווי פאראליזירט געוועזען. ענדליך האב זי זיך ענטשלאסען צוזאמען מיט איהר מאן פון הונגער צו שטארבען.

נאך אין דעם זעלבינען טאג האט זי אויפגעזוכט דעם הונגער־טהורם, וואס איז געשטאנען אין א וויסטע געגענד ווייט פון שטאדט, האט זיך אוועקגעלעגט אויף דער ערד אונד איז ענטשלאסען געוועזען דא אזוי לאנג צו ליעגען, ביז זי וועט פון הונגער אויסגעהן.

---

דריי צעהנטעס קאפיטעל.

## דער הונגער־טהורם.

איינזאם, עלענד אונד אבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט איז רבי גרשם געזעסען אין דעם וויסטען הונגער־טהורם אונד האט מיט שרעקען ערווארטעט די שרעקליכע מאמענטען פון דעם הונגער־טויט. קיין געדאנקען פון הילף האט איהם

נישט געקענט טרייסטן, דען דער טהורם איז זעהר הויך געוועזן אונד דער אייגאַנג צו איהם איז פערשלאָסען געוועזן מיט אַ דיקע אייזערנע טהיר. עס איז איהם נאָר איבערגעבליבן אַ גרינגערן טויט פאַר זיך אויסצוזוכן, דאָס הייסט: אַראָבצושפּרינגען פון טהורם אונד מיט איין קלאַפּ צושאָטן צו יוערין אויף שטיקלעך.

אָבער דאָס בעוואוסטזיין פון זיין אונשולד האָט אין איהם די לוסט צום לעבען יעצט נאָך שטאַרקער ווי פריהער אָנגעהאַלטען, אונד ער האָט אָנגעהויבען מיטלען צו זוכען, ווי אַזוי זיך צו בעפרייען פון דעם שרעקליכען געפענגניס.

— דאָס קען גאָטעס ווילען נישט זיין, — האָט ער ביי זיך געטראַכט — גאָט קען נישט וועלען, אַז איך זאָל אונשולדיג אונד פאַר דער צייט ווי דער שענדליכסטער פערברעכער שטאַרבען! לאָס איך נאָר זוכען! אפשר וועט מיר גאָט בעווייזען אַ נס!

ער האָט דעם גאַנצען טהורם פון אויבען ביז אונטען אונטערזוכט אונד האָט זיך צו זיין שרעק נאָך אַמאָל איבערצייגט. דאָס יעדער געדאַנקען פון דעם טהורם צו ענטלויפען איז נאָר אַ פּוסטער חלום.

פלוצלונג איז איהם די געשיכטע פונ׳ם הונגער־טהורם איינגעפאַלען. מען האָט פון איהם דערצעהלט, אַז דער טיראַנישער קייזער פּ ה אַ ק אָ ס האָט דעם טהורם געלאָזט אויפבויען אונד האָט די אַרבייט אַ געוויסען אַרכיטעקטאָר איבערגעגעבען. אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער קייזער אויף דעם אַרכיטעקטאָר בייז געוואָרען אונד האָט איהם געהייסען איינשליסען אין הונגער־טהורם. עטליכע טעג שפּעטער, ווען די קייזערליכע דינער זענען געקומען דעם טויטען קערפּער פון דעם אַרכיטעקטאָר אַרונטער־צונעהמען אונד צו בעערדיגען, האָבען זיי פון איהם קיין שים שפּור נישט געפונען. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, דאָס דער אַרכיטעקטאָר איז געוויס געשטאַנען אין פערבינדונג מיט די שדים אונד מיט די רוחות, אין דאָס מיט זייער הילף איז עס איהם געלונגען פון טהורם צו ענטלויפען.

אָבער דער געלעהרטער רבי גרשם האָט אין אַזעלכע פּוסטע בבא מעשיות נישט געגלויבט.

— עס קען זיין, — האָט ער ביי זיך געקלערט — אַז דער אַרכיטעקטאָר האָט געמאַכט ערגיץ וואו אַ פערבאָרגענע טהיר, דורך וועלכער דער אונגליקליכער זאָל קענען ענטלויפען אונד דורך דיעזער טהיר האָט ער זיך געוויס געראַטעוועט.

ער האָט נאָך אַמאָל דעם טהורם פון אונטען ביז אויבען מיט נאָך מעהר אויפמערקזאַמקייט אונטערזוכט אונד האָט ווידער גאָרנישט געפונען, זיין מוטה אונד זיין האָפנונג האָט שוין אָנגעהויבען אַרונטערצוזינקען, אַלס ער האָט מיט איינמאָל אַ פערראָסטעטען שליסעל דערזעהן, וואָס איז געלעגען פערבאָרגען צווישען די אייזערנע גראַטעס פון דעם שמאַלען פענסטער, אויבען אין דעם טהורם.

ער האָט דעם שליסעל אָבגערייניגט אונד עס איז איהם געלונגען דעם פענסטער אויפצושליסען.

— יעצט איז עס מיר קלאָר! — האָט ער אויסגערופען — דורך דיעזען פענסטער איז דער אַרכיטעקטאָר אַנטלאָפען געוואָרען... געוויס האָט איהם איינער פון זיינע פריינד דערלאַנגט אַ לייטער אונד אויף דעם אופן איז ער פריי אַרויס

געקומען ... אָבער וואו נעהם איך אזא פריינד? אַזאַ אַ לייטער קען מען גאָר נישט טאָכען!

עס איז שוין געווען שפּעט פאַר נאַכט אויף דעם אַנדערן טאָג, און רבי גרשם איז נאָך אַלץ געזעסען אויבען אויף דעם טהורם און האָט זיין קאָפּ שיער צובראָכען טראַכטענדיג ווי אַזוי זיך צו בעפרייען.

פּלוצלונג האָט אַ מענשליכע שטימע אין זיינע אויערן אַריינגעקלונגען.

— גרשם! גרשם! מיין ליעבער מאַן!... לעבסט דו נאָך? — האָט ער פון אויבען גאַנץ דייטליך געהערט.

ער האָט דבורה'ס שטימע דערקענט.

— דבורה! מיין טהייערע דבורה! — האָט ער פון אויבען אַרונטערגערופען — גאָט האָט דיך יעצט צו מיר געשיקט... דו וועסט מיך ראַטעווען פון טויט!

— איך בין געקומען שטאַרבען מיט דיר צוזאַמען!

— ניין, מיר וועלען נישט שטאַרבען!... מיר וועלען נאָך לעבען אַ לאַנגע צייט, ווען דו וועסט מיר העלפען פון טהורם אַרונטערצוקומען!

— אָבער וואָס קען איך טהון?... ווי אַזוי זאָל איך דיר העלפען?

— הער נאָר גוט צו וואָס דו האָסט צו טהון: לויף געשווינד צוריק אין שטאָדט, און ברענג מיר צוויי פּעקלעך פאָדים: איין פּעקיל דינע זייד און אַ פּעקעל פאָדים פון פלאַקס. דערצו נאָך זאָלסט דו מיר ברענגען עטוואָס פוטער און אַ האָלץ-וואָרעם.

— אַ האָלץ-וואָרעם?

— יאָ, אַ וואָרעם, וואָס געפינט זיך אין האָלץ. אַזאַ וואָרעם קענסט דו זעהר לייכט געפינען. אָבער מאַך עס געשווינד!

אין אַ שעה אַרום איז שוין דבורה צוריקגעקומען און האָט מיטגעבראַכט אַלעס וואָס רבי גרשם האָט געהייסען.

— יעצט, מיין טהייערע, — האָט ער צו איהר געזאָגט — זוך אויס אַ זשוק, דו קענסט עס זעהר לייכט געפינען אין דעם מיסט אַרום דעם טהורם. ווען דו וועסט עס קריגען, זאָלסט דו דעם האָלץ-וואָרעם בעשמירען מיט פוטער און זאָלסט צו איהם צובינדען אַ לאַנגען זיידענעם פאָדים, דאַן זאָלסט דו איהם צולעגען צום וואַנד פון דעם טויער. ער וועט אָנהויבען צו קריכען אין דער הויך און וועט ביסלעכווייז דעם זיידענעם פאָדים צו מיר אַרויפציהען. אַז איך וועל שוין דעם זיידענעם פאָדים אין מיין האַנד האָבען, וועסט דו אונטען צו איהם אַ גראָבערן פאָדים צובינדען און אויף דעם אופן וועסט דו מיר מיט דעם פאָדים קענען דערלאַנגען אַלץ וואָס איך דאַרף!

— איך פערשטעה, מיין טהייערער גרשם. אָבער צו וואָס דאַרפסט דו דעם זשוק?

— דאָס איז גאַנץ איינפאַך. עס קען דאָך זיין, אַז דער האָלץ-וואָרעם זאָל נישט קריכען אין דער ריכטונג צו מיר, אָבער ווען ער וועט הינטער זיך זעהן דעם זשוק, וואָס יאָגט איהם נאָך, נאָך דעם גערוך פון פוטער, וועלכע דער זשוק ליעבט זעהר שטאַרק, וועט ער זיך איילען אַלץ העכער צו קומען און וועט מיר

אַרויפציִהען דעם זיַידענעם פּאָדים. קוים וועל איך שוין דעם זיַידענעם פּאָדים אין מיַין האַנד האָבען, וועלען מיר שוין קענען אַרויפּברענגען גרעבערע פּאָדים אונד שטריקלעך, פון וועלכע עס וועט מיר זעהר לייכט זיַין אַ לייטער צו מאַכען.

דבורה האָט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט אויסגעפיהרט דאָס, וואָס רבי גרשם האָט איהר געהייסען, אונד אַלס זי האָט געזעהן, ווי דער האַלץ־וואָרעם, געיאָגט פון דעם זשוק, קריכט אַלץ העכער אונד העכער צו דעם שפּיטץ פון דעם טהורם, אויף וועלכען רבי גרשם איז געשטאַנען, האָט זי נאָך מעהר בּעוואונדערט די חכמה פון איהר געלעהרטען מאַן.

ענדליך איז שוין דער האַלץ־וואָרעם אַזוי וויַיט אַרויפגעקראָכען, דאָס רבי גרשם האָט איהם געקענט אָנגעהמען מיט זיַין האַנד. האַסטיג האָט רבי גרשם דעם זיַידענעם פּאָדים ערגריפען אונד האָט דבורה'ן געהייסען צו איהם צובינדען אַ גרעבערן פּאָדים. דבורה האָט דאָס געטהון אונד נאָך־דעם ווי ער האָט אויך דיזען פּאָדים צו זיך אַרויפגעצויגען, האָט ער געהייסען צובינדען אַ דינעם שטריקעל, וועלכען ער האָט אויך צו זיך אַרויפגעצויגען.

אויף דיזער אַרט אונד וויַיזע האָט שוין רבי גרשם געהאַט אַ פערבינדונג מיט דער ערד.

— געלויבט איז גאָט! — האָט רבי גרשם אויסגערופען — יעצט בין איך צים ווענינסטען פון הונגער־טויט געראַטעט, וויַיל יעצט קענסט דו מיר מיט דעם דינעם שטריק עסענוואַרג אַרויפשיקען. געה, מיַין טהיַיערע דבורה, אונד ברענג מיר וואָס עס איז גיכער עסען!

דבורה איז אַוועקגעגאַנגען צוריק אין שטאָדט אונד אין אַ שטונדע אַרום איז זי שוין געקומען צוריק צום טהורם, אָנגעלאָדען מיט פערשיעדענע שפּיַיזען אונד משקאות.

רבי גרשם האָט באַלד צו איהר אַרונטערגעלאָזען דעם דינעם שטריקעל אונד נאָך־דעם ווי דבורה האָט צו איהם דעם קאָרב מיט די מאכלים אונד מיט די משקאות צוגעבונדען, האָט עס רבי גרשם מיט פרייד צו זיך אַרויפגעצויגען.

— יעצט, מיַין גוטע דבורה! — האָט ער צו איהר געזאָגט — געה אַהיים אונד רוה דיך אויס; ווען דו וועסט מאָרגען צו מיר ווידער קומען, זאָלסט דו מיר מיטברענגען גרעבערע שטריק, פון וועלכע איך זאָל קענען מאַכען אַ לייטער!

דבורה איז מלא שמחה אַוועק אַהיים, אָבער מעליטאַ'ן האָט זי גאָר נישט דערצעהלט.

אויף מאָרגען, אַלס דבורה איז צו איהם ווידער געקומען, האָט זי איהם מיטגעבראַכט אַ גאַנצען פּאַק גראָבע שטריק.

פיערצעהנטעס קאפיטעל.

# מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה.

בעקומענדיג די שטריק, האט זיך רבי גרשם גלייך גענומען צו דער ארבייט אונד אין א האלבע שטונדע צייט האט ער שוין פארטיג געמאכט דעם שטריק-לייטער.

— יעצט, מיין טהייערע דבורה, — האט ער צו איהר געזאגט אונד האט דעם שטריק-לייטער ארונטערגעלאזען צו דער ערד — קום ארויף צו מיר!

דבורה איז ארויפגעקומען צו איהם אויף דעם טהורם אונד נאך דעם ווי זיי האבען אבגעגעבען א שבח והודיה צו גאט פאר דעם גרויסען נס, וואס ער האט מיט זיי געטהון, האט איהם דבורה דערצעהלט אלעס, וואס זי האט פון מעליטטא'ן געוואוסט אונד האט איהם דייטליך ערקלעהרט, דאס נאר זי אליין איז שולדיג אין זיין אונגליק.

מיט שרעקען אונד מיט טרויער האט רבי גרשם איהר אויסגעהערט אונד איז נאך דעם אויף א לאנגע צייט אין טיפע געדאנקען פערזונקען געווארען.

— וואס טראכסט דו. מיין ליעבער מאן? האט איהם דבורה געפרעגט.

— זי מוז שטארבען! — האט רבי גרשם ווי ערוואכענדיג אונד מיט א שוואכע שטימע געענטפערט.

— ווער?

— זי... די זינדיגע פרוי... מעליטטא!

— וואס רעדסט דו? — האט דבורה אויסער זיך פאר שרעק אויסגערופען.

— זי מוז שטארבען! — האט ער שוין ענערגישער געענטפערט — אונד נישט פאר איהר זינד אונד פאר איהר אונטרייהייט אליין מוז זי שטארבען, מיר מוזען איהר אויך אברוימען פון וועג, כדי זי זאל מיר נישט שטערן אויסצופיהרען מיין פלאן. מיין פלאן איז צו אנטלויפען מיט דיר פון קאנסטאנטינאפאל, אונד זיך צו בעזעצען אין א ווייטע מדינה. אזוי לאנג ווי זי לעבט, וועל איך דאס נישט קענען אויספיהרען, דארום מוז זי שטארבען. ווען איך וואלט פריי געוועזען, וואלט איך זי איינפאך גע'גט אונד פון מיין הויז אוועקגעשיקט, אבער יעצט קען איך זי נישט גט'ן, ווייל קיין מענש אין דער וועלט דארף וויסען, אז איך לעב נאך.

דבורה האט אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין.

— אה, די אונגליקליכע! — האט זי געיאמערט — אזוי יונג אונד שוין שטארבען.

— הער אויף צו וויינען, דבורה! — האט זיך רבי גרשם אבגערופען — מען טאר קיין רחמנות נישט האבען אויף אזא בייזע שלאנג... זי האט פאר מיר געגראבען א גרוב אונד אין דערזעלביגער גרוב וועט זי בעגראבען ווערען... גאט בעצאהלט יעדען מענשען מדה כנגד מדה,

— אבער ווי ווילסט דו דאס מאכען?.. ווילסט דו זי מיט דיינע אייגענע הענד ערמארדען?.. ווילסט דו יעצט דיינע ריינע הענד מיט בלוט בעפלעקען?

— חלילה!... הער אויס מײַן פּלאַן!... ביז איך װעל קענען קאָנסטאַנטינאָפּאָל פֿערלאָזען, װעל איך דאָ אין טהורם בלײַבען, װײַל דאָ בין איך זיכערער װי אומעטום. דו, מײַן טהײַערע דבורה, װעסט אויסזוכען אַ שיף, װאָס זעגעלט אָב פֿון דאַנען נאָך אויסלאַנד אונד װעסט נעהמען צװײַ פּלעטצער אויף דעם שיף פֿאַר מיר אונד פֿאַר דיר. עס איז פֿאַר אונז אַלץ אײנס װאוהין די שיף װעט געהן, נאָך פֿראַנקרײַך, אָדער נאָך איטאַליען; װען דו װעסט שוין מיט דעם פֿאַרטיג װערען זאָלסט דו מיר ברענגען פֿרויען-קלײַדער, כדי איך זאָל מיך קענען פֿערשטעלען פֿאַר אַ פֿרויענצימער, דען אין דיזער פֿערקלײַדונג װעט מיר זיכערער זײַן דיזען פּלאַץ צו פֿערלאָזען.

— און מעליטטאַ? — האָט דבורה געפֿרעגט.

— אין דער נאַכט, אין װעלכע מיר װעלען דאַרפֿען אװעקפֿאָהרען זאָלסט די איהר אויסזאָגען דעם סוד, דאָס איך לעב נאָך. זאָג איהר װאָס דו װילסט, זאָג איהר פֿון מײַנעטװעגען, אַז מלאכים פֿון הימעל טראָגען מיר עסען אונד איך בין לוסטיג אונד מונטער. די נײַגירדע װעט איהר טרײַבען צו מיר אין טהורם צו קומען, אום זיך איבערצײַגען, אַז איך לעב נאָך װירקליך. איהר גאַנג אַהער װעט זײַן איהר לעצטײַר גאַנג פֿון איהר לעבען. זי װעט דאָ בלײַבען, ביז זי װעט דאָ איהר זינדיגע נשמה אויסהויכען!

דבורה האָט אַלעס פּינקטליך אויסגעפֿיהרט װי רבי גרשם האָט איהר בעפֿאָהלען. זי האָט אויסגעפֿונען אַ שיף, װאָס זעגעלט אָב פֿון דאַנען אין דרײַ טעג אַרום נאָך װענעדיג אונד האָט צװײַ פּלעטצער געקויפֿט. די גאַנצע װירטהשאַפֿט איהרע האָט זי געלאָזט פֿערלאָרען אויף דעם שיף אונד קײַנער האָט זיך נישט געװאונדערט, װײַל יעדער אײנער האָט געגלויבט, דאָס די „אלמנה" דבורה קעהרט זיך אום צוריק צו איהר פֿאָטער אין מײַנץ.

מעליטטאַ האָט זיך מיט דבורה'ס אַװעקפֿאָהרען פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זעהר געפֿרעהט. ערשט יעצט, װען זי װעט זײַן אַלײַן, װעט זי קענען געהן איהרע װעגען גאָר אָהן אַ שום שטערונג. זי האָט געװאוסט אַז דבורה קוקט איהר שטאַרק נאָך אונד דאָס האָט איהר שטענדיג טיעף געקרענקט.

װען אַלעס איז שוין צו דער רײַזע פֿאַרטיג געװעזען, האָט דבורה מיט מעליטטאַ'ן פֿאָלגענדען געשפּרעך אָנגעקניפּט:

— מעליטטאַ! — האָט דבורה צו איהר געזאָגט — מאָרגען פֿאָהר איך שוין אַװעק פֿון דאַנען אונד מיר װעלען זיך שוין קײנמאָל נישט זעהן... איך װיל, אַז מיר זאָלען בלײַבען גוטע פֿרײַנד אויף אימער אונד מיר זאָלען פֿערגעסען אַלעס, װאָס עס איז צװישען אונז פֿאָרגעקומען.

— פֿאָהר געזונדערהײַט, דבורה, אונד זײַ גליקליך! — האָט איהר מעליטטאַ מיט פֿערשטעלטער פֿרײַנדשאַפֿט געענטפֿערט — נעװוים װעסט דו װידער חתונה האָבען, װען דו װעסט קומען צו דײַנע עלטערן אין מײַנץ?

— איך?... חתונה האָבען?... װי אַזוי קען איך דאָס?

— אַ יונגע אונד שעהנע אלמנה איז שטענדיג אַ סחורה!

— אמת!... אָבער איך בין דאָך לעת עתה נישט קײַן אלמנה.

— װאָס הײסט, דו ביזט עס נישט?

— וואָס פשוט איז פשוט: אונזער מאַן, רבּי גרשם, לעבט נאָך!

— אָך נעה, דו טרייבסט שפּאַס... ווי איז דאָס מעגליך?

— די גוטע מלאכים פון הימעל טראָגען איהם שפּייז, ווי די ראָבען האָבען פאַרצייטען אליהו הנביא געשפּייזט מיט ברויט אונד מיט פלייש, ווען ער האָט זיך בעהאַלטען פון דעם בּאַרבּאַרישען קעניג אחאב!

— אונד דו ווילסט איהם איבערלאָזען אונד אוועקפאָהרען?

— אַזוי האָט ער מיר געהייסען!... אין עטליכע טעג אַרום נאָך מיין אוועקפאָהרען, וועט ער צו מיר קומען אין דייטשלאַנד.

— אונד וואו האָסט דו מיט איהם גערעדט?

— אין הונגער-טהורם.

— קען מען צו איהם צוקומען אין טהורם?

— אָה, איך בּין שוין עטליכע מאָל דאָרט געוועזען.

מעליטטאַ האָט איהר מיט דער גרעסטער איבּעררַאשונג אָנגעקוקט.

— איך קען דאָס בּשום אופן נישט גלויבען! — האָט זי אויסגערופען — איך זעה, אַז דו טרייבסט נאָר ליצנות.

— ווילסט דו זיך איבּערצייגען?

— דאָס איז מיין איינציגער וואונש!

— אויב אַזוי, קום מיט מיר!

אַלס זיי זענען צום טהורם געקומען, האָבען זיי געפונען דעם שטריקלייטער אַרונטערגעלאָזען, אַ בּעווייז, דאָס רבּי גרשם האָט זיי שוין ערוואַרטעט.

דבורה איז אַרויף אויף דעם לייטער אונד האָט מעליטטאַ'ן געהייסען, זי זאָל געהן גלייך נאָך איהר.

מיט שרעקען איז מעליטטאַ אַרויפגעגאַנגען אויף דעם טהורם אונד איז נאָך מעהר דערשראָקען געוואָרען, אַלס זי האָט דעם לעבּעדיגען רבּי גרשם דערזעהן.

אין אָנפאַנג האָט זי געמאַכט אַ בּעוועגונג, אום זיך אויף זיין בּרוסט צו וואַרפען, זי האָט אָבּער דערזעהן זיין פינסטערן בּליק אונד איז מיט שרעקען צוריקגעטרעטען.

— מעליטטאַ! — האָט רבּי גרשם אויסגערופען אונד זיין שטימע האָט געפלויגען ווי די שטימע פון אַ שטרענגען ריכטער — ווער האָט מיינע פיינער אויסגעזאָגט ריעב־מוד ווי אַזוי דעם קינדערליכען טהראָן אָבּצוּווענען?

— איך... איך... ווייס... נישט! — האָט מעליטטאַ שטאַמלענדיג געענטפערט.

— אונד דעם גאַרדיסט מיכאַיל קענסט דו אויך נישט? — האָט ער זי ווייטער געפרעגט.

מעליטטאַ איז בּלאַס געוואָרען ווי אַ שטיק ווייסע לייוועוונט אונד איז אין גאַנצען צוזאַמענגעבּראָכען. זי האָט זיך אָבּער בּאַלד בּעהערשט אונד האָט געענטפערט:

— איך קען איהם נישט אונד ווייס איהם נישט!

— שוין ווידער אַ שקר בלבול אויף מיר? — האָט זי ווידער אויסגערופן און האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

— דיינע פאַלשע טרערן וועלן דיר שוין יעצט נישט נוטצען... יעצט זעה איך שוין קלאָר מיט וועמען איך האָב צו טהון... מעהר קענסט דו מיך שוין נישט נאַררען... זיי זיך מודה, אַז דו ביסט אַ זינדיגע און אַ פערדאָרבענע פרוי!... פערגעס נישט, אַז דו שטעהסט יעצט פאַר דעם עבינגען ריכטער!...

— וואָס רעדסט דו?... וואָס ווילסט דו מיר טהון?

— דו מוזט שטאַרבען!

מעליטטאַ איז אָבגעשפרונגען צוריק.

— ווילסט דו מיך טויטען? — האָט זי געשריגען.

— מיין האַנד וועט דיך נישט בעריהרען!... איך און דבורה וועלען פון דאַנען אַוועקגעהן און דו וועסט דאָ בלייבען איינגעשלאָסען. ביז דו וועסט פון הונגער אויסגעהן. זעהסט דו, דו נעזונקענע פרוי? גאָט בעצאָהלט מדה כנגד מדה... ווען איינער גראָבט אַ גרוב פאַר דעם צווייטען, פאַלט ער אין איהר אַליין אַריין.

די געזונקענע פרוי האָט איינגעזעהן אין וועלכע געפאַהר איהר לעבען שוועבט אונד האָט געזוכט זיך צו העלפען דורך רמאות.

זי איז געפאַלען רבי גרשם צו די פיס, האָט איהם זיינע קניע אַרומגעקלאַמערט מיט ביידע הענד און וויינענדיג אויפ'ן קול האָט זי אויסגערופען:

— וועה, וואָס פאַר אַיין אונגליק!... ווי שווער איז דאָס צו שטאַרבען, ווען מען פיהלט זיך אונשולדיג ווי אַ נייגעבאָרענעם קינד!

— אונשולדיג ביזט דו?... ווילסט דו יעצט אויך דיין שולד לייקענען?... ווען איך בין געשטאַנען פאַר די ריכטער, האָט מיר דער מיניסטער יאָהאַן אָפען אונד פריי פאַר אַלעמען געזאָגט, אַז מיין ווייב האָט זיי מיין געהיימניס ענטדעקט.

מעליטטאַ איז האַסטיג אויפגעשפרונגען. אַ שטראַהל פון האָפנונג האָט אין איהר קאָפּ אויפגעבליצט.

— דיין ווייב? — האָט זי אויסגערופען — אָבער דו האָסט דאָך צוויי ווייבער, וואָרום זאָל איך דאָס די זינדיגע זיין?

— עלענדע, פערפלוכטע פרוי! — האָט רבי גרשם אויסגעשריגען — דו האָסט נאָך די העזה אויף די הייליגע דבורה אַ חשד צו וואַרפען... דאָס שטייגט שוין איבער אַלע פערדאָרבענהייטען אונד אַלע זינד, וועלכע דו ביזט ביז יעצט בעגאַנגען!... ווי אַזוי האָט דבורה מיין געהיימניס געקענט ענטדעקען, ווען זי האָט איהם נישט געוואוסט?... נאָר דו, עלענדע אונד געזונקענע פרוי, האָסט מיין סוד געוואוסט. דו האָסט עס מיט דיין גלאַטען צונג פון מיר אויסגענאַרט, אום מיך צו פערניכטען... נאָך איינס! דער אָפיציר מיכאַיל האָט זיך פאַר מיר אין גע-

ריבמהו׳ז אלײן מודה געװען, אז מײן װײב איז זײן װײב... װילסט דו נאך לײקענען ?

— אונד פון װאנען װײסט דו, אז ער האט נישט געמײנט דבורה׳ן ?

— שװײג, דו ניעדערטרעכטיגע!... דו ביזט שױן זײן געליעבטע געװעזען, אײדער איך האב מיט דיר חתונה געהאט... אבער גענוג צו רעדען!... דײן פער־ברעכען איז קלאר אונד דײטליך... דו מוזט שטארבען?... דו האסט דא שפײז אויף א פאר טעג... די קורצע צײט, װאס עס בלײבט דיר נאך איבער צו לעבען, קענסט דו פערװענדען אויף תשובה אונד אויף חרטה... װען דו װעסט זיך מיט דעם גאנצען הארצען מתודה זײן פאר דעם אלמעכטיגען גאט, קענסט דו נאך האפען אויף עולם הבא

אונד צו דבורה׳ן זיך װענדענדיג, האט ער אויסגערופען:

— דבורה! עס איז שױן צײט... מיר קענען דא לענגער נישט פערבלײבען, קום מיט מיר ארונטער פון טהורם!

נאך אין לעצטען מאמענט האט די גוטע דבורה אין אידר הארצען א געפיהל פון גרױס רחמנות צו מעליטטא׳ן דערפיהלט.

— גרשם, מײן ליעבער מאן! — האט זי אויסגערופען. — איך בעט דיך, זײ איהר מוחל, פערצײה איהר.

— איך קען עס נישט!... זי איז מיר א פרעמדע... זי איז נישט מעהר מײן װײב!

— דו קענסט איהר שיקען א גט פון דײטשלאנד!

— אונד װאס װעלען מיר טהון, װען זי װעט נאך הײנט די בעסטע ענט־דעקען, אז איך שטעה אין בעגריף צו אנטלױפען?

— זי װעט דאס נישט טהון!... איך בעט דיך, זײ איהר מוחל פון מײנעטװעגען!

א שװערער קאמפף האט זיך אנגעהויבען אין רבי גרשם׳ס ברוסט אונד ער האט נישט געװאוסט צו װאס ער זאל זיך ענטשליסען, ענדליך האבען זײנע געפיהלען איבער איהם געזיעגט אונד ער איז שױן ענטשלאסען געװען די זינדערין צו פערגעבען.

מעלטטא האט שױן אבער אויף קײן פערצײהונג נישט געהאפט אונד אידרע געדאנקען זענען בעשעפטיגט געװען מיט דעם, װי אזױ איהר לעבען צו ראטעװען. מיט שרעקען האט זי זיך ארומגעקוקט אין אלע זײטען אונד האט געזוכט א װעג װי צו ענטרינען. באלד אבער איז איהר קלאר געװארען, אז זי האט קײן מיטעל זיך צו ראטעװען. גרשם אונד דבורה װעלען דעם טהורם באלד פערלאזען אונד דעם שטריק־לײטער װעלען זײ צונעהמען. דאן בלײבט איהר א פאר טעג צו לעבען אונד שפעטער פון הונגער צו שטארבען...

איהרע בליקען זענען געפאלען אויף רבי גרשם אונד אויף דבורה'ן, וואס זענען געשטאנען אונד האבען צווישען זיך גערעדט. א נייער גערעשטער פון איהר געשטאנען אונד האבען צווישען זיך גערעדט. א נייער געדאנקען האט פלוצלינג אין איהר קאפ אויפגעבליצט...

שנעל ווי א בליטץ האט זי איהר פלאטץ פערלאזען, איז ארויפגעלאפען אויף דעם שפיטץ פון דעם טהורם, צו יענעם ארט, וואו דער שטריק-לייטער איז צוגעבונדען געוועזען אונד האט לאבענדיג אויסגערופען:

— אה!... הא!... הא!... איך בין פריי!... איך האב דעם וועג געפונען!... אבער איהר זייט פערלוירען!... איהר וועט דא בלייבען אונד פון הונגער שטארבען.

— וועה, מיר זענען פערלארען! — האט רבי גרשם מיט געבראכענער שטימע אויסגערופען — זי וועט דעם שטריק-לייטער צונעהמען אונד וועט די וועכטער אלארמירען!

דערווייל האט מעליטטא נישט אויפגעהערט אליין העכער אונד העכער ארויפצוקלעטערן. די פערצווייפלונג אונד דער שרעק האבען איהר דאפעלטע קרעפטען געגעבען אונד וועהרענד רבי גרשם אונד דבורה זענען ווי פאראליזירט פאר שרעק אויף זייערע פלעטצער געשטאנען, האט זי שוין דעם שטריק-לייטער דערגרייכט אונד האט זיך אן איהם מיט ביידע הענד אנגענומען אום ארונטערצוגעהן.

נאך איינמאל האט זיך די געזונקענע פרוי לאבענדיג ארומגעקוקט אונד האט איהר פוס אויף דעם ערשטען שטאפעל ארויפגעשטעלט.

פלוצלונג האט א הערץ-רייסענדער אויסגעשריי די שטילע נאכט דורכגעקלונגען, א געשריי, וואס האט ביי רבי גרשם אונד ביי דבורה'ן דאס בלוט פרירען געמאכט.

מעליטטא איז פון לייטער פערשוואונדען.

זי האט זיך אויף דעם לייטער אויסגעגליטשט אונד איז פון שפיץ טהורם אויף דער ערד ארונטערגעפאלען...

רבי גרשם אונד דבורה האבען ווידער לעבען בעקומען. מיט גרויס האסט זענען זיי דעם לייטער ארונטערגעקלעטערט.

אונד ווי גרויס איז זייער שרעק געוועזען אלס זיי האבען מעליטטא'ן געפונען א טויטע. זי איז געפאלען אויף א שטיין אונד האט איהר קאפ צערשמעטערט...

דבורה האט זיך געווארפען אויף מעליטטא'ס קערפער אונד האט אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין.

— גאט האט איהר געמשפט! — האט רבי גרשם אויסגערופען — מיר האבען קיין צייט איהר צו בעוויינען... מיר מוזען איהר קערפער מקבר זיין אונד זעהן וואס גיכער אויף דער שיף צו קומען!

אין א שטונדע ארום איז שוין דער קבר פארטיג געוועזען אונד עטליכע מינוט שפעטער האט שוין א בארג פייכטע ערד מעליטטא'ס קערפער צוגעדעקט...

— שלאף רוהיג, מעליטטא! — האט רבי גרשם געזאגט, אלס ער האט

דעם לעצטען הויפען ערד אויף איהר קבר אַרויפגעוואָרפען — נאָט זאָל דיר דײַנע זינד פערגעבען!

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך קיין מענש איבער מעליטאַ׳ס פערשווינדען געוואונדערט, דען יעדער האָט געגלויבט, דאָס נאָך איהר טאַג׳ס טויט, איז זי צוזאַמען מיט דבורה׳ן נאָך איטאַליען אויסגעוואַנדערט...

---

זיבענצעהנטעס קאַפּיטעל.

# דער חרם פון רבינו גרשם.

די שיף, מיט וועלכע רבי גרשם אונד זיין ווײַב דבורה האָבען שטילערהייט קאָנסטאַנטינאָפּאָל פערלאָזען, איז גליקליך אָנגעקומען אין וועניג, אונד רבי גרשם׳ס ערשטער גאַנג איז געווען אין דער אידישער שול, וואו ער האָט גומל געבענשט אונד גאָט געדאַנקט, דאָס ער איז ניצול געוואָרען פון אַ שרעקליכען טויט אונד איז בשלום אַריבערגעפאָהרען דעם ים.

אין וועניג האָט ער זיך נישט לאַנג פערזאַמט אונד איז פון דאָרטען אַוועקגעפאָהרען נאָך מײַנץ, וואו זיין שווער רבי ליאון, דער רב פון מײַנץ, האָט געוואוינט.

אין שטאָדט איז געוואָרען אַ גרויסער גערודער, ווען רבי גרשם אונד דבורה זענען אַהין אָנגעקומען. אין יעדער הויז איז געווען ששון ושמחה אונד מיט פרייד־טרעהרען אין די אויגען האָט רבי גרשם׳ס שווער, דער אַלטער רב, רבי ליאון, זײַנע הענד אויפגעהויבען צום הימעל אונד האָט אויסגערופען:

— יעצט, מײַן גוטער גאָט, קענסט דו מיך נעהמען צו דיר; יעצט, ווען איך האָב דערלעבט די גוטע גליקליכע שעה מײַנע ליעבע קינדער ווידער־צוזעהן!

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער אַלטער רב, רבי ליאון, געשטאָרבען אונד די מײַנצער געמײַנדע האָט רבי גרשם׳ן אײַנשטימיג פאַר דעם רב פון מײַנץ אויסערוועהלט.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָבער איז עטליכע טעג שפּעטער, נאָך דעם ווי רבי גרשם איז מיט זיין ווײַב דבורה פון דאָרטען אַנטלאָפען, אַ גרויסע מהומה אויסגעבראָכען.

עס איז געקומען דער טאָג, וואָס איז בעשטימט געוועזען דעם קערפּער פון דעם פערשטאָרבענעם... דעם פעראורטהײַלטען פון הונגער־טהורם אַרויסצונעהמען אונד צו בעערדיגען, אונד ווי גרויס איז געווען דער שרעק אונד די איבערראַשונג פון די געריכטס־דיענער, אַלס זיי האָבען דעם הונגער־טהורם אויפגעשלאָסען אונד האָבען דעם טויטען אַרעסטאַנט נישט געפונען.

נאָך גרעסער איז געווען זייער שרעק, אַלס זיי האָבען דערזעהן דעם פרישען קבר נישט ווייט פון הונגער־טהורם אונד האָבען אין איהם די יונגע אונד די שעהנע מעליטטאַ ענטדעקט.

אין גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אַ גרויסע אויפרעגונג געהערשט. אונד דער קייזער באַזיל איז מיט אַ גרויסע סוויטע פון זיינע הויכע בעאַמטע צום הונגער־טהורם געקומען, אום זיך צו איבערצייגען, אויב דאָס איז אמת.

— זעהט איהר, מאַיעסטעט, — האָט זיך דער מיניסטער יאָהאַן אָבגערופען — האָב איך אייך דען פריהער נישט געזאָגט, אַז דער איד רבי גרשם איז אַ מכשף?

— ניין, ער איז קיין מכשף, — האָט דער קייזער געענטפערט — ער איז נאָר אַ גרויסער געלעהרטער, וואָס האָט נישט זיין גלייכען אין דער גאַנצער וועלט!... איך זאָג אייך, מיינע העררען, איך וועל נישט רוהען ביז איך וועל אויסגעפינען אויף וועלכער אַרט אונד וויזע רבי גרשם האָט געקענט פון הונגער־טהורם אַנטלויפען.

אויף דעם קייזערס בעפעהל האָט מען געמאַכט אַ שטרענגע אונטערזוכונג אונד מען האָט אויסגעפונען, דאָס דבורה איז אַוועקגעפאָהרען צו איהרע עלטערן אין מיינץ.

— יעצט איז עס מיר קלאָר, — האָט דער קייזער ביי זיך געטראַכט — געוויס געפינט זיך רבי גרשם אויך אין מיינץ.

צו יענער צייט איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָנגעקומען אַ שליח פון דעם דייטשען קייזער היינריך דער צווייטער אונד האָט דעם קייזער באַזיל געבראַכט די בשורה, דאָס דער קייזער אָטטאָ דער דריטער איז געשטאָרבען.

אָטטאָ דער דריטער האָט געזאָלט חתונה האָבען מיט דער פּרינצעסין טהעאָדאָראַ, אונד נון איז ער עטליכע טעג פאַר דער חתונה פּלוצלונג געשטאָרבען.

דער שליח פון דעם דייטשען קייזער איז געווען אַ געוויסער באַראָן פאָן וויטעלסבאַך, אונד נאָך דעם ווי ער האָט דעם קייזער באַזיל די מעלדונג פון אָטטאָ דעם דריטענס טויט איבערגעגעבען, האָט איהם דער קייזער געבעטען, ער זאָל אין דייטשלאַנד אָנפרעגען, אויב מען ווייס דאָרטען, וואו רבי גרשם געפינט זיך, אונד ווען מען וועט איהם אויסגעפינען, זאָל מען איהם איבערגעבען אַ בריעף, וועלכען ער האָט אַליין מיט זיין אייגענע האַנד געשריבען.

דער באַראָן פאָן וויטעלסבאַך האָט גענומען דעם קייזערס בריעף, האָט אויפגעשריעבען אַ בריעף פון זיך צו דעם בישאָף פון מיינץ אונד האָט עס אַוועק־געשיקט.

גלייך ווי דער בישאָף האָט דעם בריעף ערהאַלטען, האָט ער געשיקט

רופען רבי גרשם'ן אונד האט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף פון דעם קייזער באזיל.

אין דעם בריעף האט איהם דער קייזער געשריעבען, דאס ער האט שוין לאנג חרטה געהאט איבער דעם אורטהייל, וואס ער האט איף איהם ארויסגעגעבען אונד עס פרעהט איהם זעהר, דאס ער איז ענטרונגען געווארען פון טויט. ער האט איהם אין זיין שרייבען אויך פערזיכערט, דאס ער בלייבט איהם דער בעסטער פריינד אונד האט איהם געבעטען, ער זאל איהם ענטדעקען, אויף וועלכער ארט אונד וויזע ער איז אזוי גליקליך פון הונגער-טהורם ענטלאפען

רבי גרשם האט דעם קייזער געענטפערט מיט א בריעף, אין וועלכען ער האט איהם א דייטליכע ערקלערונג געגעבען איבער אלעם, וואס דער קייזער האט געוואלט וויסען.

אין א קורצע צייט ארום האט רבי גרשם א גאנצען קאסטען מיט פרעזענטע פון דעם קייזער באזיל בעקומען אונד דערצו נאך א בריעף, אין וועלכען דער קייזער האט איהם פערזיכערט, דאס ער וועט איהם גרויס טאבען, ווען ער וועט נאר צוריק נאך זיין רעזידענץ קומען.

רבי גרשם האט דעם קייזער וויעדער מיט א בריעף געענטפערט, האט איהם געדאנקט פאר זיין גוט הארץ אונד האט איהם ערקלערט, דאס ער קען אויף קיין פאל נישט צוריקקומען נאך קאנסטאנטינאפאל, וואס איז א נעסט פאר אנטיסעמיטען אונד וואו ער האט אזוי פיעל אומזיסטע פיינד, וואס זוכען שטענדיג זיין אינטערגאנג. ער וויל בעסער לעבען בשלום ושלוה אין מיינץ אונד זארגען פאר די אינטערעסע פון זיין קהלה.

דיעזער בריעף האט אויף דעם גוטען קייזער א טרויעריגען איינדרוק געמאכט אונד ער האט זיך ענטשלאסען רבי גרשם אום יעדען פרייז צו זיך ארויבצו-ברענגען.

ער האט אנגעהויבען זוכען מיטלען אונד וועגען זיין פלאן אויסצופיהרען, אבער איידער ער האט געקענט וואס עס איז אונטערנעהמען איז ער קראנק געווארען אונד איז געשטארבען.

נאך דיעזע קייזער באזיל'ס טויט איז זיין ברודער קאנסטאנטין דער אכטער צום קייזער געקרוינט געווארען.

נאר א קורצע צייט האט דער קייזער קאנסטאנטין געהערשט איבער זיין פאלק. איין אלטע קראנקהייט האט זיין לעבען אונטערגעגראבען און נאך פאר זיין טויט האט ער זיין עלטערע טאכטער צאע חתונה געמאכט מיט ראמאן ארגירא פאלוס, דער פריינד פון רבי גרשם. ראמאן האט מיט דער פרינצעסין צאע בשום אופן נישט געוואלט חתונה האבען ווייל ער איז שוין פערהייראטהעט געוועזען מיט א געוויסע העלענע, אבער קאנסטאנטין האט איהם ערקלערט, אז ווען ער וועט מיט זיין טאכטער נישט חתונה האבען וועט ער איהם איינשליסען אין הונגער-טהורם. ראמאן האט שוין קיין ברירה נישט געהאט, ער האט זיין פרוי הע-

ליגנע אזעק־געשיקט אין א נאָנען־קלויסטער אונד האָט חתונה געהאַט מיט דער פרינצעסין צאָע.

נאָך קייזער קאָנסטאַנטינס טויט איז ראָמאַן געוואָלט געוואָרען צום קייזער.

ער האָט אָבער קיין גליק געהאַט. ערשטענס איז ער צו גוט אונד צו שוואַך געוועזען צו רעגירען איבער זיין האַלב־ווילדעס פאָלק אונד צווייטענס האָט ער עטליכע מלחמות מיט די אַרומיגע פעלקער פערלאָרען אונד דאַרום איז ער ביי זיין פאָלק ניט באליעבט געוועזען.

דער מיניסטער יאָהאַן, וואָס האָט שטענדיג געזוכט א גוטע געלעגענהייט צו רעגירען, האָט דיעזע פעריאָדע צייט פאַר גוט געפונען זיינע פערבאָרגענע פלענער מיט גוטען ערפאָלג אויסצופיהרען. ער האָט זיין פלימעניק מיכאל מיט דער יונגער קייזערין צאָע צוזאַמענגעבראַכט אונד בעקאַנט געמאַכט. ער האָט געבויעט אויף מיכאל'ס שעהנהייט אונד האָט געהאָפט, אַז די יונגע אונד ליידענשאַפטליכע קייזערין וועט זיך אין איהם פערליבען אונד אויס ליעבע צו זיין פלימעניק וועט ער טערען איהר ערשטע האַנד אין דער מלוכה.

אונד זיין חשבון האָט זיך אַרויסגעוויזען זעהר א קלאָרער. אין א קורצע צייט אַט אויפגעפלאַקערט א הייסע אונד א זינדיגע ליעבע צווישען דער קייזערין צאָע אונד צווישען דעם שעהנעם באַנדיט מיכאל. יענע שמוציגע ליעבע, האָט זיך נאָר געגום אונד בעפרידיגט אונד וואָס טרעט נישט צוריק פון קיין פערברעכען.

אויס ליעבע צו דעם גאַרדיסט מיכאל האָט די קייזערין צאָע איהר מאַן ראָמאַן פערגיפטעט. האָט נאָך זיין טויט מיט איהר געליעבטען חתונה געהאַט אונד האָט איהם געלאָזט קריינען צום קייזער, אונטער דעם נאָמען: מיכאל דער פיערטער.

שוין דעם ערשטען טאָג, אין וועלכען מיכאל איז קייזער געוואָרען, איז א וואונדער געשעהן, וואָס האָט גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויפגעקאָכט, אַלס ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם טהראָן, וועלכען רבי גרשם האָט פאַר דעם קייזער באזיל געמאַכט, זענען די זילבערנע לייבען אונד די זילבערנע אָדלערס רוהיג אויף זייער פלאַץ געשטאַנען אונד האָבען זיך פון אָרט נישט געריהרט.

דאָס פאָלק האָט עס אָנגענומען פאַר א צייכען פון גאָט אונד אַלע האָבען געגלויבט, דאָס דער איינפאַכער גאַרדיסט מיכאל איז נישט ראוי קייזער צו זיין.

דעם קייזער מיכאל האָט דאָס זעהר געקרענקט. ער האָט געגלויבט אַז די איינעריע פון'ם טהראָן איז מקולקל געוואָרען אונד האָט איינגעלאַדען די גרעסטע קינסטלער פון זיין לאַנד. זיי זאָלען דאָס פערריכטען. עס איז אָבער אומזיסט געוועזען, די מאַשינעריע האָט שוין מעהר נישט געאַרבייט.

ענדליך האָט ער זיך ענטשלאָסען צו רבי גרשם זיך צו ווענדען אונד איהם צו בעטען, ער זאָל קומען דעם טהראָן פערריכטען. רבי גרשם האָט איהם אָבער אויס

געלאכט און האט איהם געענטפערט, אז ער וועט זיך היטען צו קומען אין אזא לאגע, וואו עס רעגירט אזא לומפ ווי דער מיניסטער יאהאן.

אין א געוויסע צייט שפעטער, ווען מיכאיל האט געדארפט האבען געלד, אום מלחמות מיט זיינע פיינד צו פיהרען, האט ער דעם טהראן געלאזט צושמעלצן.

דערווייליגע האט דער מיניסטער יאהאן געשאלטען און געוואלטעט איבער דאס גאנצע לאנד און איז מיט יעדען טאג אלץ גרעסער און וויכטיגער געווארען. די אונבעגרענצטע הערשאפט איז איהם אבער נאך אלץ צו וועניג געוועזען. עס האט זיך איהם אויך פערגלוסט מיטראפאליט צו ווערען. ער האט אנגעהויבען צו מאכען שרעקליכע אינטריגעס אין דער מלוכה. די בעפעלקערונג האט זיך צוטהיילט אין פיעלע פארטייען, וואס האבען שטענדיג מלחמה געהאלטען צווישען זיך, ביז מען האט ענדליך אויסגעפונען, אז דער מקור פון אלע דיעזע פיינד־זעליג־קייטען איז דער מיניסטער יאהאן!

מען האט איהם געלאזט ארעסטירען און געשטעלט פאר א געריכט. דער פראצעס האט נישט געדויערט. די ריכטער האבען איהם פערורטהיילט צום טויט.

מען האט איהם איינגעשלאסען אין הונגער־טהורם און אין עטליכע טאג ארום איז ער געשטארבען פון הונגער.

אויך דער קייזער מיכאיל האט נישט לאנג געוועלטיגט. די בארבארישע אינטערדריקונגען, מיט וועלכע ער האט גאר אהן רחמנות זיין לאנד געפלאגט, זיין אויסגעלאסענעם לעבען און זיינע ווילדע פערשווענדערייען האבען דאס גאנצע פאלק געגען איהם אויפגערייצט און מען האט אנגעהויבען זוכען מיטלען, ווי אזוי איהם פון טהראן ארונטער צו שליידערן. א לאנגע צייט האט מען מיט איהם גאר נישט געקענט מאכען, ביז עס זענען די צוויי טעכטער פון דעם געשטארבענעם קייזער קאנסטאנטין אונטערגעוואקסען. דאן האט מען איינע פון זיי צו דער קייזערין פון לאנד פראקלאמירט און דעם קייזער מיכאיל האט מען געשטעלט פאר א געריכט.

מען האט איהם אין זעהר פיעל פערברעכען בעשולדיגט און צום טויט פערורטהיילט. דאן האט מען איהם די אויגען אויסגעשטאכען און איינגעשלאסען אין א פינסטערן קעלער, וואו ער איז אין עטליכע טאג ארום געשטארבען...

רוהיג און פריידליך האט רבי גרשם מיט זיין ווייב אין מיינץ געלעבט. אויך זיין העכסטער וואונש איז ערפילט געווארען: דבורה האט איהם אין פערלויף פון עטליכע יאהר עטליכע קינדער געבוירען און מיט דעם איז דער בעכער פון זיין גליק פול געווארען.

טאג און נאכט איז ער געזעסען און האט געלערנט. יעצט, ווען ער האט שוין מעהר צייט געהאט, האט ער זיין גרויסען ביאור אויף דעם תלמוד געענדיגט און האט מיט איהם מזכה עולם געווען.

זיין נאמען איז מיט יעדען טאג אין דער אידישער וועלט אלץ גרעסער געווארען און פון די ווייטסטע שטעדט און מקומות זענען צו איהם תלמידים געקומען כדי פון איהם תורה און חכמה צו לערנען.

די גרויסע רבנים אונד די בערידהמטע גאונים פון זיין צייט האבען אהם גע־פריינט מיט דעם נאמען: מאיר הגולה.

צעהן יאהר פאר זיין טויט האט ער אין מיינץ געלאזט צוזאמען־רופען א גרייסע אסיפה פון רבנים אונד גאונים פון דער גאנצער וועלט, אום געוויסע רעפאר־מען אין דער אידישער רעליגיאן צו מאכען.

עם זענען צוזאמענגעקומען אין מיינץ די גרעסטע שטערן פון דער אידישער וועלט אונד האבען אונטער דעם פארזיץ פון רבי גרשם זעהר פיעל נייע דינים אונד תקנות בעשלאסען.

איינע פון די וויכטיגסטע תקנות, וואס איז דאמאלס פון דיעזער אסיפה ארויס איז: אז קיין איד טאר נישט נעהמען צוויי ווייבער.

אונד דיעזע תקנה איז ביי אונז בעקאנט מיט דעם נאמען:

# דער חרם פון רבינו גרשם.